בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַּארְ'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

**תשפ"ה**

391

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


**נדפס ע"י**

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וָואס זֶענֶען דִי הֲלָכוֹת אִינֶעם טָאג וָואס מֶען וֶוערְט דְרֵיי יָאר?......א

מֶעג אַ מַאן קוּקְן אִין אַ שְׁפִּיגְל?......ב

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אַוֶועקְפָּארְן אָן דִי וַוייבּ?......ד

אִיז רִיכְטִיג צוּ מַאכְן אַ יֶערְלִיכֶע פִּיזִיקְל וִויזִיט בַּיים דָאקְטֶער?......ז

קֶען אִיךְ נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן?......ח

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

וָואס אִיז דֶען מֶער טֵייעֶר וִוי אַ מַאמֶע?......א

נֶעם זִיךְ אַ חַבְרוּתָא אוּן לֶערְן הֲלָכָה......ב

הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק, אֲפִילוּ נָאכְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן יְשִׁיבָה......ג

גֵיי נִישְׁט אִין שׁוּלְן וואוּ מֶען פַּארְשֶׁעמְט דֶעם רֶבִּי'ן......ג

וָואס הָאט אַ אִיד צוּ טוּן אוֹיף דִי וֶועלְט?......ד

אֵייגְנְאַרְטִיגֶע לוֹיבּ וֶוערְטֶער, פְּרִישֶׁע תְּפִילוֹת, שְׁפַּאלְט הִימְלֶען......ה

דִי גֶעטְרֵייעֶ טִיטְשֶׁערְס וָואס אַרְבֶּעטְן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ......ו

לֶערְן אוֹיס דָאס קִינְד מוֹחֵל צוּ זַיין......יא

מַגִיהַ זַיין דֶעם סֵפֶר שְׂפָתַי תִּפְתָּח, יֶעדֶער זָאל קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין......יג

וָואס בַּאקוּם אִיךְ אִין מַיין הַאנְט?......יד

שְׁרֵיי אוּן שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן......טו

נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַ מְלַמֵּד זָאל שְׁלָאגְן ............ יז

נִישְׁט זִיצְן בַּיים קָאמְפְּיוּטֶער קַיין אִיבְּרִיגֶע צַייט ............ יז

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַּאר יֶעדְן אַ שִׁידוּךְ, אוֹיךְ פַּאר דִיר ............ יח

זַיי מְחַנֵךְ דַיינֶע קִינְדֶער צוּ הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ ............ יט

טַאטֶע אוּן מַאמֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ דִי חֲתוּנָה ............ כ

ווִילְסְט זַיין מַיין חַבְרוּתָא צוּ לֶערְנֶען טוּר בֵּית יוֹסֵף? ............ כא

נִישְׁט לֶעבְּן אִין אִיבְּרִיגֶע שְׁרֶעק פוּן עַיִן הָרָע ............ כב

רֶעדְן צוּ דִי תַּלְמִידוֹת פוּן אֵיידְלְקֵייט ............ כג

אֶפְשָׁר ווִילְסְטוּ טוּן עֶפֶּעס פַּאר דַיין נְשָׁמָה ............ כד

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין זוֹהַר אוּן תִּיקוּנִים ............ כו

נֶעמְט זִיךְ פָאר זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען פַּאר אַלֶעמֶען ............ כז

אַז מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה קֶען מֶען עֶס אִיבֶּערְגֶעבְּן וַוייטֶער ............ כח

צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן, דָאס אִיז שָׁלוֹם ............ כט

מֶענְטְשְׁן ווָאס הָאבְּן הֲנָאָה פוּן דֶערְשְׁרֶעקְן ............ ל

אַ הַארְצְרַייסְנְדֶע גֶעבֶּעט צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי ............ לב

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וָואס זֶענֶען דִי הֲלָכוֹת אִינֶעם טָאג וָואס מֶען וֶוערְט דְרַיי יָאר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין שְׁאֵלָה אִיז צוּטֵיילְט אִין צְוֵויי. מַיין זוּן וֶוערְט דְרַיי יָאר אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אוּם עֶרֶב לַ"ג בָּעֹמֶר, הֱיוֹת עֶס גֵייט זַיין אַבִּיסְל שְׁוֶוער צוּ פָאֳרן קַיין מִירוֹן אִינֶעם טָאג וָואס מֶען פִּירְט אִים אוּן חֵדֶר, וִויל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען קֶען מַאכְן דִי חֵדֶר פִּירְן אִין אַן אַנְדֶערֶע טָאג?

אוֹיךְ וִויל אִיךְ פְרֶעגְן וָואס זֶענֶען דִי הֲלָכוֹת אוּן מִנְהָגִים אִינֶעם טָאג וָואס עֶר וֶוערְט דְרַיי יָאר, אוּן אוֹיךְ אִינֶעם טָאג פוּן זַיין חֵדֶר פִּירְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ז׳ אִיָּיר, כ״ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**נִישְׁטָא אוֹיף דֶעם הֲלָכוֹת, אַלֶעס אִיז מִנְהָגִים. דֶער מִנְהָג אִיז, אָפְּהִיטְן דֶעם קִינְד עֶר זָאל נִישְׁט קוּקְן קַיין שְׁלֶעכְטְס, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף גוֹיִם, אוּן דֶער עִיקָר אִיז דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מַאכְן פַּאר דִי קִינְד דִי הֵיילִיגֶע פֵּיאוֹת. מוֹהֲרַנַ״תְּ זָאגְט** (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת גִילוּחַ הֲלָכָה ג׳, אוֹת ב)**: ״עִקַּר הַדַּת יִשְׂרָאֵל וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת״, דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אִיז**

אַן עִיקָר פוּן אַ אִיד אוּן פוּן דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקַייט, "וּבָהֶם נִכָּר הַיְהוּדִי כִּי הוּא מִזֶּרַע בֵּרַךְ ה', מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל", אוּן מֶען דֶערְקֶענְט אַ אִיד דוּרְךְ זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אַז עֶר אִיז אַ אִידִישׁ קִינְד.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, מִיר זָאלְן רֶעדְן, שְׁמוּעֶסְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט צוּ אַ טַאטֶע אוּן צוּ אַ גוּטֶער פְרֵיינְד; זָאלְסְטוּ אוּן דַיין וַוייבּ יֶעדְן טָאג אַוֶועק לֵייגְן אַפָּאר מִינוּט צוּ בֶּעטְן פַאר דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג. מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ ווִי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יֶעדֶע נַאכְט בִּשְׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט תִּיקוּן חֲצוֹת הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפִילְט אַ כּוֹס מִיט טְרֶערְן, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער"; דָאס אִיז דֶער וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג אַ מַאן קוּקְן אִין אַ שְׁפִּיגְל?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וֵויס נִישְׁט פַארְוָואס, אָבֶּער אַזוֹי אִיז עֶס, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שׁוּם גְּדָרִים מִיט קוּקְן אִין אַ שְׁפִּיגְל, עֶס אִיז בַּיי מִיר אַ גֶעהֶערִיגֶע מוּתָּר'דִיגֶע זַאךְ, אוּן אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס אִיז אֱמֶת אַז מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן אִין אַ שְׁפִּיגְל, אוּן אוֹיבּ מֶען טָאר נִישְׁט, אוֹיבּ אִיז דָא אַ פַאל וֶוען מֶען מֶעג יָא קוּקְן, אָדֶער טָאר מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט?

אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת הֵייבּ אִיךְ אָן טְרַאכְטְן זִיךְ צוּ פַארְבֶּעסֶערְן מַיין יִרְאַת שָׁמַיִם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ז' אִיָּר, כ"ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז אַ קְלָארֶע הֲלָכָה אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן קנו, סְעִיף ב): "אָסוּר לְאִישׁ לְהִסְתַּכֵּל בְּמַרְאָה", מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן אִין שְׁפִּיגְל, נָאר פְרוּיעֶן מֶעגְן קוּקְן אִין שְׁפִּיגְל, "מִשּׁוּם לֹא יִלְבַּשׁ גֶּבֶר", אַלְס דִי לַאו פוּן לֹא תִלְבַּשׁ, "אֶלָּא אִם כֵּן מִשּׁוּם רְפוּאָה", נָאר אוֹיבּ עֶר דַארְף דָאס פַאר רְפוּאָה, "כְּגוֹן שֶׁחוֹשֵׁשׁ בְּעֵינָיו", צוּם בֵּיישְׁפִּיל דִי אוֹיגְן טוּעֶן וֵויי אוּן עֶר דַארְף קוּקְן וָואס אִיז אִין דִי אוֹיגְן, "אוֹ שֶׁמְּסַפֵּר עַצְמוֹ", אָדֶער אוֹיבּ מֶען שֶׁערְט זִיךְ אַלֵיין אָפּ אוּן מֶען דַארְף זֶען נִישְׁט אָפְּצוּשֶׁערְן דִי פֵּיאוֹת, "אוֹ אִם מִסְתַּפֵּר מִן הָעוֹבֵד כּוֹכָבִים בֵּינוֹ לְבֵינוֹ". דֶער רְמָ"א זָאגְט: "וְיֵשׁ אוֹמְרִים, הָא דְּאָסוּר לִרְאוֹת בְּמַרְאָה הַיְנוּ דַּוְקָא בְּמָקוֹם דְּאֵין דֶּרֶךְ לִרְאוֹת בְּמַרְאָה רַק נָשִׁים, וְאִית בֵּיהּ מִשּׁוּם לֹא יִלְבַּשׁ גֶּבֶר", עֶס אִיז דָא אַ שִׁיטָה וָואס זָאגְט אַז דֶער אִיסוּר אִיז נָאר אִין אַ פְּלַאץ ווּאוּ נָאר פְרוּיעֶן קוּקְן אִין שְׁפִּיגְל, נָאר דֶעמָאלְט אִיז דָא דֶער אִיסוּר פוּן לֹא תִלְבַּשׁ, "אֲבָל בְּמָקוֹם שֶׁדֶּרֶךְ הָאֲנָשִׁים לִרְאוֹת גַּם כֵּן בְּמַרְאָה, מֻתָּר", אָבֶּער אוֹיבּ דֶער סֵדֶר אִיז אַז אוֹיךְ מֶענֶער קוּקְן אִין שְׁפִּיגְל - מֶער מֶען יָא.

לְמַעֲשֶׂה אִיז מֶען מַחְמִיר נִישְׁט צוּ קוּקְן, נָאר אוֹיבּ מֶען דַארְף עֶס פַאר רְפוּאָה פַאר דִי אוֹיגְן, אָדֶער פִּינְטְלֶעךְ וְכוּ'.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אוּן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין אַז דוּ אַלֵיין וֶועסְט וֶוערְן אַ שְׁפִּיגְל. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן יט, אוֹת ט): "כִּי צָרִיךְ לְזַכֵּךְ אֶת הַפָּנִים", מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיסְלַייטֶערְן דִי פָּנִים, "שֶׁיּוּכַל כָּל אֶחָד לִרְאוֹת אֶת פָּנָיו", אַז יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל קֶענֶען זֶען זַיין אֵייגֶענֶע פָּנִים, "בְּפָּנִים שֶׁלּוֹ", וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף דַיין פָּנִים, "כְּמוֹ בְּמַרְאָה", אַזוֹי וִוי מֶען קוּקְט אִין אַ שְׁפִּיגְל, "עַד אֲשֶׁר בְּלֹא תוֹכָחָה וּבְלֹא מוּסָר", אַז אֲפִילוּ מֶען וֶועט יֶענֶעם נִישְׁט זָאגְן קַיין מוּסָר אוּן קַיין שְׁטְרָאף רֵייד, "יִתְחָרֵט חֲבֵרוֹ תֵּכֶף עַל מַעֲשָׂיו", וֶועט יֶענֶער חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיף זַיינֶע

מַעֲשִׂים, "רַק מִמַּה שֶׁיַּבִּיט בַּפָּנִים שֶׁלּוֹ", נָאר פוּן קוּקְן אוֹיף זַיין פָּנִים, "כִּי עַל יְדֵי שֶׁיַּבִּיט בַּפָּנִים שֶׁלּוֹ", וַוייל וֶוען עֶר וֶועט קוּקְן אוֹיף דַיין פָּנִים, "יִרְאֶה אֶת עַצְמוֹ כְּמוֹ בְּמַרְאָה", וֶועט עֶר זִיךְ זֶען אַזוֹי וִוי אִין אַ שְׁפִּיגְל, "אֵיךְ פָּנָיו מְשֻׁקָּע בְּחֹשֶׁךְ", וִוי פִינְסְטֶער זַיין לֶעבְּן אִיז אִים.

הוֹיבּ אָן דַיין טָאג מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי אִין אַ ווינְקְל אוּן רֶעד אוֹיס דַיין הַארְץ, זָאג: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ וויל זַיין הֵיילִיג, דִי קָאפּ לִיגְט מִיר אִין נַארִישְׁקֵייטְן אוּן אִיךְ טוּ נַארִישְׁקֵייטְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שׁוֹין אָפְּלָאזְן דִי נַארִישְׁקֵייטְן אוּן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ דִיר"**, לֵייג צוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילּוֹת, בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַלֵיין אַ שְׁפִּיגְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי קֶען מֶען אַוֶועקְפָּארְן אָן דִי וַוייבּ?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶעם קוּמֶענְדִיגְן שַׁבָּת גֵייעֶן אַלֶע אוּנְזֶערֶע אַרְבֵּייטֶערְס אַרוֹיס אִינְאֵיינֶעם אוֹיף אַ שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת, אַזוֹי וִוי יָאר יֶערְלִיךְ. הַיינְט הָאט מַיין מֶענֶעדְזְשֶער מִיךְ גֶעפְרֶעגְט אֶפְשָׁר דָאךְ וויל אִיךְ מִיטְקוּמֶען, עֶר זָאגְט מִיר אַז עֶר קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס אִיךְ כַאפּ זִיךְ נִישְׁט צוּ דֶערְצוּ, פַארְוָואס עֶס צִיט מִיר נִישְׁט מִיטְצוּקוּמֶען. אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִים זָאגְן אַז עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק אִינְדֶערְהֵיים מִיט מַיין וַוייבּ? עֶר וֶועט בִּכְלַל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיךְ רֶעד. זָאל אִיךְ אִים זָאגְן אַז עֶס מִיר וויכְטִיג צוּ זַיין אִינְדֶערְהֵיים מִיט מַיינֶע קִינְדֶער אוּן זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין? עֶר וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ בִּכְלַל גֶעדוּלְד זֵיי אוֹיסְצוּהֶערְן. זָאל אִיךְ אִים זָאגְן אַז מַיין וַואקַאצִיעַ אִיז מִיט מַיין וַוייבּ, וֶועט עֶר נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ בִּכְלַל אָפְּרוּעֶן מִיט אַ וַוייבּ אוֹיפְן קָאפּ, דִי גַאנְצֶע סִיבָּה פַארְן אַוֶועקְפָארְן אִיז דָאךְ נָאר זִיךְ אַבִּיסְל אָפְּצוּרוּעֶן פוּן דִי וַוייבּ, הַשֵּׁם יְרַחֵם.

אִיךְ וויל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַארְן מִיךְ גֶעבְּן אַ קְלָארֶע וֶועג

וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וויל פוּן מִיר אוֹיף דֶער וֶועלְט, יְיַשֵׁר כֹּחַ פַּארְן מִיר וַוייזְן אַ וֶועג אַז עֶס זָאל מִיר זַיין גֶעשְׁמַאק אִינְדְערְהֵיים מִיט מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן בִּכְלַל פַּארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט ווי אַזוֹי מֶען קֶען אַוֶועקְפָארְן אִין דִי הֵייסֶע זוּמֶער טֶעג אָן אַ שְׁמִירָה, אוּן אַ שְׁכֹּחַ אַז הַיינְט צוּ טָאגְס קֶען אִיךְ זֵיי שׁוֹין נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, ווי אַזוֹי מֶען קֶען בִּכְלַל הֲנָאָה הָאבְּן פוּן אַוֶועקְפָארְן אָן דִי וַוייבּ, מִיט וֶועמֶען זָאל אִיךְ פַארְבְּרֶענְגֶען? מִיט אַ חַבֵר וָואס רֶעדְט אוּן לַאכְט פוּן מִיר הִינְטֶער מַיין רוּקְן? אַזוֹי ווי מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן, "אוֹיבּ אַ חַבֵר, אִיז עֶס נָאר דִי וַוייבּ". שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ אוּן שְׁכֹּחַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר אַלֶעס.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, י' אִיָּר, כ"ה לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר וֵוייסְן פוּן רֶבִּי'ן, אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ אַז מִיר הָאבְּן אַזַא רֶבִּי וָואס גֶעבְּט אוּנְז אַזֶעלְכֶע עֵצוֹת אוּן מַאכְט אוּנְז לִיכְטִיג אַז עֶס זָאל אוּנְז זַיין גֶעשְׁמַאק אִין שְׁטוּבּ, עֶס זָאל אוּנְז זַיין זִיס אוּן אַיינְגֶענֶעם דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וָואס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן, עֶס אִיז אַ רַחְמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן; מֶען זוּכְט סִיבּוֹת אוּן תֵּירוּצִים צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין הֲנָאָה צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער. בִּפְרַט לֶעצְטְנְס אִיז גֶעוָוארְן אַ נַייעֶ אָנְשִׁיקֶענִישׁ, בַּעֲלֵי בָּתִּים נֶעמֶען צַאם אַרְבֶּעטֶערְס אַוֶועק פוּן שְׁטוּבּ, מֶען מַאכְט אַ שַׁבָּת אִינְאֵיינֶעם אַוֶועק פוּן שְׁטוּבּ, אַוֶועק פוּן דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן הַיינְט גֵייט אַזוֹי, וָואס אֵיינֶער מַאכְט - מֵיינֶען אַלֶע מֶען דַארְף נָאךְ מַאכְן, מֶען מֵיינְט אַז אַזוֹי אִיז מֶען אַ גוּטֶער בַּעַל הַבַּיִת, אַ גוּטֶער מֶענֶעדְזְשֶער, עֶס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט אוּן נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן.

שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס דֶער טַאטֶע זֶעט זַיינֶע קִינְדֶער אוּן פַארְבְּרֶענְגְט מִיט דִי קִינְדֶער, אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן עֶרֶב שַׁבָּת; זֵיי נֶעמֶען אִין מִקְוֶה אוּן זֵיי

אַרָאפְּלֵייגְן שְׁלָאפְן זֵיי זָאלְן זַיין אוֹיסְגֶערוּט פַאר דִי סְעוּדָה. שַׁבָּת גֵייט מֶען נִישְׁט אַוֶועק פוּן שְׁטוּבּ, שַׁבָּת נֶעמְט דֶער טַאטֶע דִי קִינְדֶער אִין שׁוּל, אוֹיפְן וֶועג שְׁמוּעֶסְט עֶר מִיט זֵיי, עֶר הֶערְט זֵיי אוֹיס וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי וָואךְ מִיט זֵיי אִין חֵדֶר אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן בַּיים דַאוֶוענֶען הַאלְט דֶער טַאטֶע דִי קִינְדֶער נֶעבְּן זִיךְ, עֶר דַאוֶוענְט מִיט זֵיי, עֶר שְׁמֵייכְלְט צוּ זֵיי, עֶר לֶערְנְט זֵיי ווִי זִיךְ צוּ פִירְן אִין שׁוּל מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ. שַׁבָּת זִיצְט דֶער טַאטֶע מִיט דִי מִשְׁפָּחָה בַּיי דִי סְעוּדוֹת, מֶען פְרֵייט זִיךְ אִינְאֵיינֶעם אַז מִיר זֶענֶען דִי אוֹיסְדֶערְוֶועלְטֶע פָאלְק, דִי עַם הַנִּבְחָר, קִינְדֶער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען זִינְגְט זְמִירוֹת אוּן מֶען לֶערְנְט דִי קִינְדֶער מִידוֹת טוֹבוֹת.

שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס מַאן אוּן וַוייבּ לֶעבְּן מִיט שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט, עֶס שְׁטֵייט אִין הֵיילִיגְן זוֹהַר (תִּקּוּנֵי זוֹהַר תִּקּוּן כא, נז.), עֶרֶב שַׁבָּת זָאלְן זִיךְ מַאן אוּן וַוייבּ אִיבֶּערְבֶּעטְן, אוּן אֲפִילוּ מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקְרִיגְט בִּיז יֶעצְט, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר, וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת בֶּעטְן זִיךְ מַאן אוּן וַוייבּ אִיבֶּער, ווַייל שַׁבָּת קוֹדֶשׁ דַארְף אַלֶעס זַיין דָאפְּלְט; אַ גַאנְצֶע וָואךְ צִינְדְט מֶען אָן אֵיין לֶעכְט, שַׁבָּת צְוֵויי, אַ גַאנְצֶע וָואךְ וֶוען מֶען עֶסְט מַאכְט מֶען הַמּוֹצִיא אוֹיף אֵיין בְּרוֹיט, שַׁבָּת אוֹיף צְוֵויי, דֶערְפַאר זָאגְט דֶער זוֹהַר: "וְאִם אִית לוֹן שְׁלָמָא בְּכָל שִׁית יוֹמִין דְּחוֹלָא", אֲפִילוּ דֶער וָואס אִיז אַ גַאנְצֶע וָואךְ גֶעוֶוען בְּשָׁלוֹם מִיט זַיין וַוייבּ - "יַעַבְדוּן תּוֹסֶפֶת בְּשַׁבַּתָּא בְּפִיּוּסָא דָא לְדָא בִּרְחִימוּ סַגִּי", דַארְף שַׁבָּת זַיין מֶער בְּשָׁלוֹם, מִיט אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט.

ווַאוֹיל אִיז דֶעם וָואס לוֹיפְט נִישְׁט אַוֶועק פוּן שְׁטוּבּ שַׁבָּת, עֶר גֵייט נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ שַׁבָּת, עֶר הָאט הֲנָאָה צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ; וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ שֵׁיינֶע לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיז רִיכְטִיג צוּ מַאכְן אַ יֶערְלִיכֶע פִּיזִיקְל וִויזִיט בַּיים דָאקְטֶער?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אוּנְזֶער דָאקְטֶער וִויל אַז מִיר זָאלְן מַאכְן אַ יֶערְלִיכֶע "פִּיזִיקְל וִויזִיט", אֵיינְמָאל אַ יָאר זִיךְ אוּנְטֶערְזוּכְן אוֹיב אַלֶעס אִיז אִין אָרְדֶענוּנְג, מִיר ווילְן פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיב עֶס אִיז רִיכְטִיג דָאס צוּ מַאכְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, י׳ אִיָּר, כ״ה לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

...

עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וָואס דִי פְרַאגֶע אִיז, אוֹיבּ דִי שְׁאֵלָה אִיז ׳אוֹיבּ מֶען מֶעג׳, אִיז דֶער עֶנְטְפֶער מֶען מֶעג, אוֹיבּ דִי שְׁאֵלָה אִיז ׳אוֹיבּ מֶען זָאל דָאס טוּן׳, אִיז דֶער עֶנְטְפֶער עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס.

דֶער עִיקָר זָאלְן עֶנְק גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כד): ״מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד״, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, ״וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ״, אוּן אַוֶועק נֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה מִיט אַלֶע כֹּחוֹת. ״וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה״, אוּן אַלֶע מַחְלוֹת אוּן קְרֶענְק וָואס קוּמֶען אוֹיפְן מֶענְטְשׁ קוּמְט נָאר צוּלִיבּ עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, ״וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים הֶאֱרִיכוּ בָּזֶה, שֶׁכָּל הַחוֹלַאַת עַל יְדֵי מָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת, וְהַשִּׂמְחָה הִיא רְפוּאָה גְּדוֹלָה״, אֲפִילוּ דִי דָאקְטוֹירִים זֶענֶען מוֹדֶה אַז שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קֶען אִיךְ נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁאֵלָה וָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט פְּרֶעגְן מַיין דַיְין, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ עֶר זָאל וִויסְן וָואס אִיךְ טוּ, אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א עֶנְטְפֶערְן.

אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אִיךְ גֵיי צוּ נִישְׁט גוּטֶע פְּלֶעצֶער, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ שְׁרַייבְּן וואו אִיךְ גֵיי אַלְץ, אִיךְ וִויל וִויסְן אוֹיבּ אִיךְ קֶען נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, י' אִיָּר, כ"ה לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי קֶענְסְטוּ תְּשׁוּבָה טוּן, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן, וִוי לַאנְג מֶען לֶעבְּט קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ שְׁמוֹת רַבָּה יט, ד) אוֹיפְן פָּסוּק (אִיּוֹב לא, לב): "'בַּחוּץ לֹא יָלִין גֵּר', אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא פּוֹסֵל לִבְרִיָּה, אֶלָּא לַכֹּל הוּא מְקַבֵּל, הַשְּׁעָרִים נִפְתָּחִים בְּכָל שָׁעָה, וְכָל מִי שֶׁהוּא מְבַקֵּשׁ לִכָּנֵס יִכָּנֵס", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְפְט נִישְׁט אַוֶועק קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, דִי טִירְן זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג אָפְן, וֶוער עֶס וִויל צוּרִיקְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - קֶען שְׁטֶענְדִיג צוּרִיקְקוּמֶען צוּ אִים. נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרָכוֹת לד.): "בְּמָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִים, אֵין צַדִּיקִים גְּמוּרִים יְכוֹלִים לַעֲמוֹד שָׁם", אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר קוּמְט אָן אוֹיף אַ פְּלַאץ וואו צַדִּיקִים קוּמֶען נִישְׁט אָן; וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַרַיין גֶעכַאפְּט בַּיים סַמֶ"ךְ מֶ"ם און רַייסְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דָארְט, עֶר קֶערְט זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוֹיבְּן אִין הִימְל.

דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית אִיז זֵייעֶר גֶעפֶערְלִיךְ, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה יג:): "כָּל הַמּוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָּלָה חַיָּיב מִיתָה", וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן, אִיז חַיָּיב מִיתָה. "רַבִּי יִצְחָק וְרַבִּי אַמִּי אָמְרֵי, כְּאִילּוּ שׁוֹפֵךְ דָּמִים", רֶבִּי יִצְחָק אוּן רֶבִּי אַמִּי זָאגְן, וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה, אִיז אַזוֹי וִוי אֵיינֶער אִיז עוֹבֵר אוֹיף רְצִיחָה אוּן שְׁפִיכוּת דָּמִים. "רַב אַסִּי אָמַר, כְּאִילּוּ עוֹבֵד עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים", רַב אַסִּי זָאגְט, וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה אִיז אַזוֹי וִוי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן, אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר (וַיְחִי ריט:): "לֵית לָךְ חוֹבָא בְּעָלְמָא דְּלָא אִית לֵיהּ תְּשׁוּבָה", עֶס אִיז נִישְׁטָא אַן עֲבֵירָה וָואס עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט דֶערוֹיף תְּשׁוּבָה, "בַּר מֵהַאי", אוֹיסֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית, אוֹיף דֶעם הֶעלְפְט נִישְׁט תְּשׁוּבָה, "וְלֵית לָךְ לְחַיָּיבָא דְּלָא חָמָאן אַפֵּי שְׁכִינְתָּא", עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין זִינְדִיגֶער מֶענְטְשׁ וָואס וֶועט נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "בַּר מֵהַאי", נָאר וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית; דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית אַזוֹי אַזוֹי הָארְבּ, וַוייל פוּן יֶעדֶע טִפָּה וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מוֹצִיא לְבַטָּלָה קֶען וֶוערְן אַ קִינְד, אִיז עֶס אַזוֹי וִוי דֶער מֶענְטְשׁ הַרְגְ'עֶט זַיינֶע קִינְדֶער. דָאס אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אֵיין מָאל וְכוּ', כָּל שֶׁכֵּן אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אַסַאךְ מָאל, וֶוערְט עֶר דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר.

אָבֶּער וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְזֶער דוֹר אוּן אַרָאפְּגֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נְשָׁמָה אוֹיף דִי וֶועלְט, וָואס עֶר הֵייבְּט אוֹיף אַלֶע נְשָׁמוֹת וָואס מוּטְשֶׁען זִיךְ אוּן זֶענֶען גֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה 'הִתְבּוֹדְדוּת', אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף זַיין מַאמֶע לָשׁוֹן; מֶען זָאל גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ, מֶען זָאל פַארְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, וואוּ דֶער יֵצֶר

הָרָע וַוארְפְט אַלְץ אַרָאפּ, און אַז וִויפִיל מָאל מֶען וויל זַיין גוט פַאלְט מֶען נָאכְאַמָאל צוּרִיק.

וּבְכֵן אַז עֶס אִיז אִין דִיר אַרַיין אַ ווילְן פון תְּשׁוּבָה, זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצָה פון רֶבִּי'ן פון הִתְבּוֹדְדוּת, זוּךְ אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, יֶעדְן טָאג זָאלְסְט אַהִינְגֵיין זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. פַארְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִיר, און ווִי עֶר וַוארְפְט דִיךְ אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה פון פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, אִיךְ גֵיי צוּ נִישְׁט גוּטֶע פְּלֶעצֶער, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אַרוֹיסְצוּרַייסְן דֶערְפוּן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מִיךְ קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, גֶעבּ מִיר רֵיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ ווִיל נִישְׁט קוּקְן שְׁמוּצִיגֶע מָאוִויס, שְׁמוּצִיגֶע קְלִיפּס. וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן, אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט, דִי תַּאֲווֹת נִיאוּף פְלַאקֶערְט אִין מִיר, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶוע מִיר! אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן און צֶעקְלַאפְּט. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, גֶעבּ מִיר כֹּחַ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אִין דִיר, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַז דוּ הָאסְט מִיךְ לִיבּ. דֶער יֵצֶר הָרָע רֶעדְט מִיךְ אַיין אַז דוּ בִּיסְט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר, אִיךְ גֵיי אַרוּם מִיט נַארִישֶׁע גֶעדַאנְקֶען, אִיךְ רֶעד מִיךְ אַיין אַז דוּ דַארְפְסְט מִיךְ נִישְׁט, אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן אַז אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן".

אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן און גָארְנִישְׁט בַּאהַאלְטְן פון אִים, וֶועסְטוּ סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פון דַיין פְּלָאנְטֶער וואו דוּ לִיגְסְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## וָואס אִיז דֶען מֶער טֵייעֶר וִוי אַ מַאמֶע?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת צַו, ח' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

לְכָבוֹד פֶּסַח זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מְכַבֵּד זַיין אַ מַאמֶע, נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען אַ מַאמֶע, וַוייל אִין דִי טֶעג דַארְף מֶען אַסַאךְ חִיזוּק אוֹיף דֶעם.

מָאל דִי מַעֲשֶׂה וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בֶּעלְזֶער רָב דֶער שַׂר שָׁלוֹם זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף זַיין מַאמֶעס כָּבוֹד, אוּן וֶוען זִי הָאט אַיינְגֶעטִינְקֶען דִי מַצָּה אִין דִי זוּפּ - הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעגֶעסְן פוּן דִי טֶעלֶער.

דִי חֲסִידִים שְׁטֵייעֶן אוּן קוּקְן, דֶער רֶבִּי עֶסְט פוּן דִי זוּפּ; וִוי קֶען זַיין אַזוֹינְס? זִי הָאט דָאךְ אַיינְגֶעטִינְקֶען אִין דִי זוּפּ מַצָּה, דֶער רֶבִּי אִיז דָאךְ אַלְץ זֵייעֶר שְׁטַארְק מַקְפִּיד נִישְׁט צוּ עֶסְן גֶעבְּרָאקְטְס, וִוי קֶען זַיין אַזוֹינְס?!

דֶער הֵיילִיגֶער בֶּעלְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דֶער שַׂר שָׁלוֹם, זִיצְט פֶּסַח נֶעבְּן זַיין מַאמֶע, דֶער צַדִּיק הַאלְט זַיין מַאמֶע זֵייעֶר טֵייעֶר, עֶר זֶעצְט אִיר נֶעבְּן זִיךְ, אוּן עֶר עֶסְט מִיט אִיר פוּן אֵיין טֶעלֶער. וָואס אִיז דֶען דָא עֶפֶּעס גְרֶעסֶער וִוי אַ מַאמֶע? וָואס אִיז דֶען מֶער טֵייעֶר וִוי אַ מַאמֶע? דִי מַאמֶע הָאט אַיינְגֶעטִינְקֶען דִי מַצָּה אִין דִי זוּפּ אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט נִישְׁט קַיין וָוארְט, עֶר עֶסְט וַוייטֶער דִי זוּפּ מִיט דִי מַאמֶע פוּן אֵיין טֶעלֶער.

דִי תַּלְמִידִים וואוּנְדֶערְן זִיךְ זֵייעֶר, וִוי קֶען זַיין אַזוֹינְס? דֶער רֶבִּי אִיז דָאךְ זֵייעֶר מַקְפִּיד נִישְׁט צוּ עֶסְן קַיין גֶעבְּרָאקְטְס, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם

טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען, דִי מַצָּה זָאל נִישְׁט אָנְרִירְן קַיין וַואסֶער.

דֶער רֶבִּי גֶעבְּט זַיי צוּ פַארְשְׁטֵיין: "נִישְׁט עֶסְן קַיין גֶעבְּרָאקְטְס אִיז אַ גוּטֶער מִנְהָג, אוּן מִיר דַארְפְן דָאס הִיטְן, אָבֶּער דִי מִצְוָה פוּן מְכַבֵּד זַיין אַ מַאמֶע אִיז נָאךְ מֶער הֵיילִיג, דָאס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר מְכַבֵּד זַיין אַ מַאמֶע".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר גֵייעֶן שׁוֹין זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אוּנְזֶער מַאמֶע, מִיר גֵייעֶן פָּאלְגְן אוּן רֶעדְן שֵׁיין, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט וֵויי טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## נֶעם זִיךְ אַ חַבְרוּתָא אוּן לֶערְן הֲלָכָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ"ט נִיסָן, י"ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעם זִיךְ אַ חַבְרוּתָא צוּ לֶערְנֶען הֲלָכָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל לֶערְנֶען הֲלָכָה מִיט אַלֶע פֵּרוּשִׁים.

אַ שָׁאד דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, דַיינֶע שֶׁענְסְטֶע יָארְן - זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט גָארְנִישְׁט טוּן, וַוייל צוּ לֶערְנֶען דֶרֶךְ הַלִּימוּד - דָאס קֶען מֶען אִין אַ צְוֵויי דְרֵיי שָׁעָה גָאר אַסַאךְ אָנְקוּמֶען, אִיז וָואס אִיז מִיט דִי אִיבְּרִיגֶע טָאג? אָדֶער נֶעמֶען אַן אַרְבֶּעט, אָדֶער גֵיין אִין כּוֹלֵל, אָדֶער נֶעמֶען אַ חַבְרוּתָא, אָבֶּער נִישְׁט סְתַּם גָארְנִישְׁט טוּן.

נֶעם זִיךְ אַ חַבְרוּתָא אוּן לֶערְן הֲלָכָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כט), לֶערְנֶען הֲלָכָה אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע תִּיקוּן, דוּרְךְ לֶערְנֶען הֲלָכָה, "נִתְבָּרֵר וְנִפְרָשׁ מִן הָרָע", וֶוערְט מֶען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אִיךְ זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן דַיין טָאג מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי אַ שְׁפַּאצִיר צְוִוישְׁן דִי גְרָאזֶעלֶעךְ און בֵּיימֶער, און רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן מִיט אִים, נִישְׁט מַסִּיחַ דַּעַת זַיין פוּן דִי אֱמוּנָה.

...

## הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק, אֲפִילוּ נָאכְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן יְשִׁיבָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ט נִיסָן, י״ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַאלְט זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת צוּ בְּלַייבְּן שְׁטַארְק, בְּלַייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאוֶונֶען און לֶערְנֶען. אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, דוּ ווִילְסְט אַזוֹי שְׁטַארְק אַ שִׁידוּךְ, דוּ ווִילְסְט חֲתוּנָה הָאבְּן; דָאךְ זָאלְסְטוּ זַיין שְׁטַארְק וַוייטֶער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס אִיז גוּט, אֲפִילוּ יֶעצְט וֶוען דוּ בִּיסְט אַרוֹיס פוּן יְשִׁיבָה, בִּיסְט גֶעגַאנְגֶען אַרְבֶּעטְן - אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען יֶעדְן טָאג צוּם שִׁיעוּר הִתְחַזְקוּת. מוֹהֲרַאְ״שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט, אֲפִילוּ דִי בָּחוּרִים וָואס גֵייעֶן אַרְבֶּעטְן זָאלְן בְּלַייבְּן מְקוּשָּׁר צוּ דִי יְשִׁיבָה, קוּמֶען נָאכְן אַרְבֶּעט צוּם שִׁיעוּר הִתְחַזְקוּת; אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה וֶוען מֶען אִיז מְקוּשָּׁר צוּם רֶבִּי׳ן.

...

## גֵיי נִישְׁט אִין שוּלְן וואוּ מֶען פַארְשֶׁעמְט דֶעם רֶבִּי׳ן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ט נִיסָן, י״ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דוּ גֵייסְט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים פוּן רֶבִּי׳ן און פוּן מוֹהֲרַאְ״שׁ, זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְן רֶבִּינְ׳ס נָאמֶען, מַאכְן אַ שֵׁיינֶע

נָאמֶען אוֹיפְן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן סט): "מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק", וֶוער עֶס הָאט לִיבּ דֶעם צַדִּיק, "צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַצַּדִּיק", דַארְף הִיטְן אוֹיפְן צַדִּיק, "שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רָע", עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיפְן צַדִּיק.

רֵייץ זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, גֵיי נִישְׁט אִין שׁוּלְן וואו מֶען פַארְשֶׁעמְט דֶעם רֶבִּי'ן. זֶעסְט וָואס פַּאסִירְט, יֶעצְט קוּמְט מֶען צוּ מִיר מִיט טַעֲנוֹת הֲיִתָּכֵן מַיינֶע תַּלְמִידִים שְׁלָאגְן, נָאכְדֶעם וָואס דוּ אוּן דַיין בְּרוּדֶער הָאבְּן בַּאקוּמֶען מַכַּת רֶצַח אוּן זִיךְ פָּשׁוּט גֶעוָואלְט רַאטֶעוֶועןן, זֶעסְטוּ אַז מֶען דְרֵייט אוֹיס דִי מַעֲשֶׂה אוּן מֶען טַעְנָה'ט אוֹיף מִיר אַז תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה זֶענֶען שְׁלֶעגֶער. עַל כֵּן בֶּעט אִיךְ דִיר גֵיי נִישְׁט אִין שׁוּלְן וואו מֶען פַארְשֶׁעמְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן מוֹהֲרָא"שׁ, גֵיי אִין שׁוּלְן וואו מֶען אִיז מְכַבֵּד דֶעם רֶבִּי'ן, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין פְּרִיוַואט בַּיי הַייזֶער וְכוּ'.

גֵיי נִישְׁט לֵיידִיג, נֶעם זִיךְ אַ חַבְרוּתָא, לֶערְן הֲלָכָה. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל לֶערְנֶען הֲלָכָה, זָאלְסְטוּ פַארְמִיטָאג לֶערְנֶען מִיט אַ חַבְרוּתָא שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן נָאכְמִיטָאג זָאלְסְטוּ גֵיין הֲפָצָה, בַּטֵל נִישְׁט דַיינֶע יוּנְגֶע שֵׁיינֶע יָארְן.

...

## וָואס הָאט אַ אִיד צוּ טוּן אוֹיף דִי וֶועלְט?

בְּעֶזְרַת הַ' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ"ט נִיסָן, י"ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ נָאךְ דִיר, אִיךְ הָאף אַז דוּ גֵייסְט אָן מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מִיט דַיין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

עֶס אִיז דָא אַ דִיבּוּר פוּן רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רפז): "וָואס הָאט אַ אִיד צוּ טוּן אוֹיף דִי וֶועלְט? נָאר דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען"; גֵיין אִין שׁוּל דְרֵיי מָאל אַ טָאג דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן אוּן דַיְקָא מִיט אַ סִידוּר, נִישְׁט אוֹיסְלָאזְן

פוּן דָאס דַאוֶוענֶען אוּן נִישְׁט רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען, אוּן זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין שִׁיעוּרִים בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה, מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ וְסִפְרֵי רַבֵּינוּ כְּסִדְרָן.

זוּמֶער וֶועל אִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס הִילְף זַיין אִין שְׁטֶעטְל, וֶועלְן מִיר קֶענֶען מֶער הָאבְּן אַ פֶּערְזֶענְלִיכֶע קֶשֶׁר.

...

## אֵייגְנְאַרְטִיגֶע לוֹיבּ וֶוערְטֶער, פְּרִישֶׁע תְּפִילוֹת, שְׁפַּאלְט הִימְלֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָיר, ט״ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... תְּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

לְכָבוֹד אַייעֶר גֶעבּוּרְטְס טָאג, אִיר זֶענְט גֶעוָוארְן הַיינְט זִיבְּעצְן יָאר - זָאלְט אִיר זִיךְ פָּארְנֶעמֶען צוּ זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין אָפְּגִיסְן ״נֶעגְל וַואסֶער״; נִישְׁט אַרָאפְּטְרֶעטְן פוּן בֶּעט אָן אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט גֵיין שְׁלָאפְן אָן אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער.

עֶס שְׁטֵייט אִין הֵיילִיגְן זוֹהַר, אַז מֶען גִיסְט אָפּ נֶעגְל וַואסֶער בַּיים בֶּעט וֶוערְט מֶען הֵיילִיג, אוּן אַלֶע רוּחוֹת רָעוֹת אוּן קְלִיפּוֹת אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן זָאגְן תְּהִלִּים, זִינְגְט זִיךְ דִי פְּסוּקִים פוּן תְּהִלִּים אוּן פְלֶעכְטְס אַרַיין אֵייגֶענֶע לוֹיבּ וֶוערְטֶער, אוּן אֵייגֶענֶע גֶעבֶּעט, וַוייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר טֵייעֶר צוּ הֶערְן אֵייגְנְאַרְטִיגֶע לוֹיבּ וֶוערְטֶער, פְּרִישׁ גֶעמַאכְטֶע תְּפִילוֹת, עֶס שְׁפַּאלְט אַלֶע הִימְלֶען.

זָארְגְט נִישְׁט, אַייעֶר שִׁידוּךְ וֶועט שׁוֹין קוּמֶען.

...

## די גֶעטְרֵייעֶ טִיטְשֶׁערְס וָואס אַרְבֶּעטְן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, ב׳ אִיָר, י״ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה

**... תְּחִיֶ׳**

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט בְּלַייבְּן טִיטְשְׁן אִין בֵּית פֵּיגָא, דִי מְנַהֶלֶת תְּחִיֶ׳ זָאגְט מִיר כְּסֵדֶר אַז אִיר זֶענְט אַן אוֹיסְגֶעצֵייכְנְטֶע טִיטְשֶׁער, אוּן מֶען דַארְף אַייךְ הָאבְּן, בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, לָאזְט נִישְׁט אִיבֶּער בֵּית פֵּיגָא.

אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז אַייךְ שְׁוֶוער, אָבֶּער גְלֵייבְּט מִיר, מִיר אִיז אוֹיךְ שְׁוֶוער, אוּן פוּן וֶוען מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] (אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִידִישׁ חֵלֶק ב׳, מִכְתָּב קיז): ״אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ גָארְנִישְׁט שְׁרֶעקְן, זָאלְסְט מַמְשִׁיךְ זַיין דַיין הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה, הֵן אֱמֶת אִיךְ וֵוייס אַז דוּ בִּיסְט גֶעדְרִיקְט יֶעצְט זֵייעֶר אִין גֶעלְט, אוּן דוּ ווִילְסְט אוֹיפְהֵייבְּן דִי הֶענְט וְכוּ׳, בֶּעט אִיךְ דִיר הֵייבּ אוֹיף דִי הֶענְט נָאר פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וֶוען עֶר הָאט מִלְחָמָה גֶעהַאלְטְן מִיט עֲמָלֵק׳ן (שְׁמוֹת יז, יא) ״וְהָיָה כַּאֲשֶׁר יָרִים מֹשֶׁה יָדוֹ וְגָבַר יִשְׂרָאֵל וְכַאֲשֶׁר יָנִיחַ יָדוֹ וְגָבַר עֲמָלֵק״, דַרְשְׁנֶ׳ן אוֹיף דֶעם דִי חֲזַ״ל (רֹאשׁ הַשָּׁנָה כט.), ״וְכִי יָדָיו שֶׁל מֹשֶׁה עוֹשׂוֹת מִלְחָמָה אוֹ שׁוֹבְרוֹת מִלְחָמָה? אֶלָּא לוֹמַר לְךָ כָּל זְמַן שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל מִסְתַּכְּלִין כְּלַפֵּי מַעְלָה וּמְשַׁעְבְּדִין אֶת לִבָּם לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם הָיוּ מִתְגַּבְּרִים וְאִם לַאו הָיוּ נוֹפְלִים״, טוּ אִיךְ אַזוֹי; וֶוען דִי אַרְבֶּעט וֶוערְט מִיר שְׁוֶוער הֵייבּ אִיךְ אוֹיף דִי הֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ וֵויין: ״אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר, אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט קֵיין כֹּחַ, אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאג מִיר וָואס צוּ טוּן, הֶעלְף מִיר״.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר וֶועט עֶנְדִיגְן דִי יָאר לְכָל הַפָּחוֹת, אוּן נִישְׁט אַוֶועק גֵיין, מִיר אִיבֶּערְלָאזְן מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן הַלְוַאי וָואלְט אִיר גֶעבְּלִיבְּן קוּמֶענְדִיגֶע יָאר, וַוייל נָאר מִיט דִי גֶעטְרֵייעֶ טִיטְשֶׁערְס וָואס קוּמֶען, זֵיי זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ, זֵיי גֶעבְּן אַוֶועק זֵייעֶר הוֹיז, זֵייעֶר אָפְּרוּעֶן, זֵייעֶר שְׁלָאפְן - פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, נָאר אַזוֹי קֶען אִיךְ מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט בֵּית פֵּיגָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שֵׁנִי לְסֵדֶר שְׁמוֹת י״ג טֵבֵת ה׳תשע״א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס דוּ טוּסְט אוֹיף וְכוּ׳, אַוַודַאי זֶעסְטוּ בְּפוֹעֵל וָואס דוּ טוּסְט אוֹיף מִיט דִי תַּלְמִידִים וְכוּ׳, אָבֶּער בִּמְצִיאוּת וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין הִימְל דֶער זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט וָואס דוּ בִּיסְט מְקָרֵב צֶעבְּרָאכֶענֶע בָּחוּרִים צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן דוּ בְּרֶענְגְסְט זֵיי אַרַיין אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען מִקְרָא מִשְׁנָה גְּמָרָא וְכוּ׳, דָאס קֶענְסְטוּ נִישְׁט בַּאגְרֵייפְן. אַזוֹי ווִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תְּרוּמָה קכח:) תָּא חֲזִי כָּל מַאן דְּאָחִיד בִּיְדָא דְּחַיָּבָא, וְאִשְׁתַּדַּל בֵּיהּ לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא, אִיהוּ אִסְתַּלַּק בִּתְלַת סְלוּקִין מַה דְּלָא אִסְתַּלַּק הָכִי בַּר נַשׁ אַחֲרָא, גָּרִים לְאַכְפַּיָּא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עַלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָא וְתַתָּא, וְעַל הַאי בַּר נַשׁ כְּתִיב (מַלְאָכִי ב) "בְּרִיתִי הָיְתָה אִתּוֹ הַחַיִּים וְהַשָּׁלוֹם" וְזָכֵי לְמֶחְמֵי בְּנִין לִבְנוֹי, וְזָכֵי בְּהַאי עַלְמָא וְזָכֵי לְעַלְמָא דְּאָתֵי, כָּל מָארֵי דִינִין לָא יָכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ בְּהַאי עַלְמָא וּבְעַלְמָא דְאָתֵי, עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי וְלֵית מַאן דְיִמְחֵי בִּידֵיהּ. וְעַל דָּא כְּתִיב (תְּהִלִּים קיב) "גִּבּוֹר בָּאָרֶץ יִהְיֶה זַרְעוֹ דּוֹר יְשָׁרִים יְבוֹרָךְ הוֹן וָעוֹשֶׁר בְּבֵיתוֹ וְצִדְקָתוֹ עוֹמֶדֶת לָעַד זָרַח בַּחֹשֶׁךְ אוֹר לַיְשָׁרִים" וְגוֹ׳ דָאס וֶוער עֶס כַאפְּט אָן דִי הֶענְט פוּן זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן אוּן בְּרֶענְגְט זֵיי אַז זֵיי זָאלְן אוֹיפְהֶערְן צוּ זִינְדִיגְן, דֶער גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן הוֹיךְ הוֹיךְ אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען, אוּן עֶר אִיז גּוֹרֵם מְבַטֵּל צוּ זַיין דִי סִטְרָא אַחֲרָא וָואס פַארְשְׁטֶעלְן דָאס גֶעטְלִיכְקֵייט, אוּן עֶר אִיז גּוֹרֵם מְפַרְסֵם צוּ זַיין דָאס גֶעטְלִיכְקֵייט אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אִין זַיין זְכוּת שְׁטֵייט דִי וֶועלְט אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער בַּיי זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן אַלֶע וָואס זֵיי ווִילְן אִים טוּן שְׁלֶעכְטְס וֶוערְן צֶעפַאלְן, וָוארוּם זֵיי קֶענֶען אִים גָארְנִישְׁט טוּן.

אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, דוּ זָאלְסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן זָאלְסְט נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן וֶוערְן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, הֵן אֶמֶת סְ׳אִיז גְּרִינְג צוּ זָאגְן וְכוּ׳, אָבֶּער לֵיידֶער בִּין אִיךְ דָאס דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען, אוּן אֲפִילוּ יֶעצְט גֵיי אִיךְ דָאס דוּרְךְ, טוֹיזֶענְט מָאל אַזוֹיפִיל וְכוּ׳, דֶערְפַאר קֶען אִיךְ

דִיךְ מְחַזֵק זַיין, וָוארוּם אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דַיין צַעַר אוּן דַיין וֵוייטָאג אוּן דַיין חַלִישׁוּת הַדַעַת וָואס דוּ הָאסְט וְכוּ׳, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז עֶס קוּמֶען דִיר אַרַיין אַסַאךְ מָאל מַחֲשָׁבוֹת, וָואס פֶעלְט מִיר אוֹיס דִי צָרָה אוֹיפְן קָאפּ? וָואס דַארְף אִיךְ זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט צֶעבְּרָאכֶענֶע בָּחוּרִים?

אָבֶּער וִויסְן דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז דוּ בִּיסְט גוֹרֵם אַ נַחַת רוּחַ פַּאר׳ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דוּ בְּרֶענְגְסְט צוּרִיק דִי קִינְדֶער צוּם טַאטְן, וָואס דִי שִׂמְחָה קֶען מֶען גָארְנִישְׁט בַּאגְרֵייפְן. יֶעצְט פְרֶעג אִיךְ דִיר, אַז דוּ בִּיסְט גוֹרֵם אַזַא גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה פַּאר׳ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ בְּרֶענְגְסְט אִים צוּרִיק זַיינֶע קִינְדֶער וְכוּ׳, אִיז וָואס דַארְפְסְטוּ הָאבְּן הִתְפַּעֲלוּת פוּן אַפָּאר הוּנְט וָואס בִּילְן? וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן נ) אַז דִי עַזֵי פָּנִים׳עֶר וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן הוּנְט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נו) "וְהַכְּלָבִים עַזֵי נֶפֶשׁ", אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ, פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ, אַדְרַבָּה וָואס מֶער דִי הוּנְט בִּילְן זָאלְסְטוּ זֶען מְקָרֵב זַיין וָואס מֶער נְשָׁמוֹת צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם אַז אֵיינֶער זִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן, זָאגְן דִי חֲזַ"ל (עֲבוֹדָה זָרָה ה.) כָּל הָעוֹבֵר עֲבֵירָה אַחַת מְלַפְּפְתּוֹ וּמוֹלִיכְתּוֹ לְיוֹם הַדִין וְכוּ׳ רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמֵר קְשׁוּרָה בּוֹ כַּכֶּלֶב וְכוּ׳, אוּן דִי אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ זָאגְט דָאס וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט בִּפְרָט אִין פְּגַם הַבְּרִית בַּאשַׁאפְט עֶר קְלִיפּוֹת וָואס זֵיי זֶענֶען אִין גֶעשְׁטַאלְט פוּן הוּנְט, אוּן זֵיי רִינְגְלֶען אַרוּם דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן בִּילְן אוֹיף אִים, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ הָאט מוֹרָאדִיג פַּחַד אוּן מוֹרָא פוּן דִי ווִילְדֶע הוּנְט, אוּן וָואס מֶער עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט הָאט עֶר בַּאשַׁאפְן מֶער ווִילְדֶע הוּנְט וָואס זֵיי גֵייעֶן אִים נָאךְ, אוּן דֶער פַּחַד אוּן דֶער מוֹרָא וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִיז נִישְׁט צוּ בַּאגְרֵייפְן, אוּן פוּן דֶעם נֶעמְט זִיךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט מִתְנַגְדִים, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן כ"ו), עַל יְדֵי הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה בּוֹרֵא קְלִיפּוֹת הַמִתְלַבְּשִׁים בִּבְנֵי אָדָם מִתְנַגְדִים וְחוֹלְקִין עָלָיו וְעוֹשִׂין לוֹ יִסוּרִין; הֵן חָלִילָה וְחַס אַז עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט, אוּן הֵן אֵיינֶער וָואס אִיז מְקָרֵב זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן אִיז דָאךְ מְבַטֵל דִי קְלִיפּוֹת וָואס זֵיי זֶענֶען אִין אַ צוּרָה פוּן הוּנְט, וֶוערְן זֵיי צֶעווִילְדֶעוֶועט אוֹיף דֶעם וָואס עֶר ווִיל זֵיי מְבַטֵל זַיין, אוּן זֵיי בִּילְן אוֹיף אִים.

איבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ גָארְנִישְׁט שְׁרֶעקְן, זָאלְסְט מַמְשִׁיךְ זַיין דַיין הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה, הֵן אֱמֶת אִיךְ ווייס אַז דוּ בִּיסְט גֶעדְרִיקְט יֶעצְט זֵייעֶר אִין גֶעלְט, און דוּ ווילְסְט אוֹיפְהֵייבְּן דִי הֶענְט וְכוּ', בֶּעט אִיךְ דִיר הֵייבּ אוֹיף דִי הֶענְט נָאר פַאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וֶוען עֶר הָאט מִלְחָמָה גֶעהַאלְטְן מִיט עֲמָלֵק'ן (שְׁמוֹת יז, יא) "וְהָיָה כַּאֲשֶׁר יָרִים מֹשֶׁה יָדוֹ וְגָבַר יִשְׂרָאֵל וְכַאֲשֶׁר יָנִיחַ יָדוֹ וְגָבַר עֲמָלֵק", דַרְשֶׁנֶ'ן אוֹיף דֶעם דִי חַזַ"ל (רֹאשׁ הַשָּׁנָה כט.), וְכִי יָדָיו שֶׁל מֹשֶׁה עוֹשׂוֹת מִלְחָמָה אוֹ שׁוֹבְרוֹת מִלְחָמָה? אֶלָּא לוֹמַר לְךָ כָּל זְמַן שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל מִסְתַּכְּלִין כְּלַפֵּי מַעְלָה וּמְשַׁעְבְּדִין אֶת לִבָּם לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם הָיוּ מִתְגַּבְּרִים וְאִם לַאו הָיוּ נוֹפְלִים.

איבֶּערְדֶעם הֵייבּ אוֹיף דִי הֶענְט נָאר פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, נִישְׁט אוֹיפְהֵייבְּן דִי הֶענְט מִיט אַ יִאוּשׁ "וָואס קֶען אִיךְ טוּן?", אַדְרַבָּה וֶוען עֶס קוּמְט אִין דִיר אַרַיין אַ חַלִישׁוּת הַדַּעַת, דֶעם מִינוּט זָאלְסְטוּ בַּאשְׁלִיסְן אַז אִיךְ גֵיי מְקָרֵב זַיין נָאךְ אַ מִנְיָן בָּחוּרִים צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און אִיךְ גֵיי אִין זֵיי אַרַיינְלֵייגְן דָאס זִיסְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, און מְעוֹרֵר זַיין זֵיי זָאלְן מַעֲבִיר סִדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ, דָאס הֵייסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגּוּם, און דֶער עִיקָר אִין זֵיי אַרַיינְשַׁיינֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען און זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, וָואס דָאס רֵיינִיגְט דִי נְשָׁמָה, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין אָפְּגֶעטוּן וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעטוּן, אָבֶּער דִי כֹּחַ פוּן מִשְׁנַיוֹת אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס קֶען אִים אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית און מִתַּחְתָּיו, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן י"ט) אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית און אֲפִילוּ יֶעצְט טוּעֶן זֵיי נָאךְ וָואס זֵיי טוּעֶן וְכוּ', אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ" וֶועט זֵיי דֶער תּוֹרָה אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן בְּלָאטֶע, און סְ'אִיז מְקוּבָּל בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט, אַז "כַּךְ וְכַךְ" גֵייט אַרוֹיף אוֹיף חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן פַאר אַסַאךְ פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט, און צְווישְׁן זֵיי דֶעם הֵיילִיגְן רַבִּי נָתָן זִי"ע, זָאגְן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת (עַיֵּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קפ"ה).

עֶס אִיז מִיר אַמָאל אַיינְגֶעפַאלְן "כַּךְ וְכַךְ" בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט וִוי דִי שֵׁם אֱלֹקִי"ם (זֶעקְס און אַכְצִיג), דָאס הֵייסְט אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין אִין מִידַּת

הַדִין אָבֶער אוֹיב עֶר וֶועט לֶערנֶען "כַּךְ וְכַךְ" וֶועט דָאס מַמְתִּיק זַיין פוּן אִים אַלֶע דִינִים. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ גוּט גֶעדֶענְקֶען "כַּךְ וְכַךְ, דָאס אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ...", אוּן הָאבּ נִישְׁט קַיין הִתְפַּעֲלוּת פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט (אוּן זִינְגְט דָאס מִיטְ'ן נִיגוּן...).

עַל כָּל פָּנִים וִוי סְ'זָאל נָאר נִישְׁט זַיין, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן וֶוערְן פוּן קַיין שׁוּם בְּרִיָה אוֹיף דֶער וֶועלְט וָוארוּם דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס הֵייסְט אַז נָאךְ אַ בָּחוּר אִיז מְסַיֵים שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנֶה, וָואסְפַּארַא רַעַשׁ דָאס מַאכְט אִין הִימְל. וָואס הֵייסְט אַז נָאךְ אַ בָּחוּר אִיז מְסַיֵים גַאנְץ שַׁ"ס, וָואסְפַּארַא רַעַשׁ דָאס מַאכְט אִין הִימְל. דָאס קֶען מֶען גָארְנִישְׁט בַּאגְרֵייפְן. עֶס אִיז כְּדַאי זָאלְסְט אַרַיינְקוּקְן אִין חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן מ"ג, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי נָתָן אִיז מַסְבִּיר וִויפִיל מִילְיָאנֶען צִירוּפִין עֶס וֶוערְט אִין הִימְל וֶוען מֶען אִיז מְקָרֵב אֵיין אִיד צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן מֶען שַׁיינְט אִין אִים אַרַיין עֶר זָאל אוֹיכֶעט רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, בִּיז אַ יֶעדֶע נְשָׁמָה וָואס עֶס קוּמְט צוּ, פוּן דֶעם וֶוערְט מִילִי מִילְיָאנֶען אוּן טְרִילְיָאנֶען וְכוּ' וְכוּ' צִירוּפִין, עַיֵן שָׁם דְבָרִים נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים מְאֹד.

כְּדֵי דִי בָּחוּרִים זָאלְן הָאבְּן אַ קִיוּם אוּן נִישְׁט אַוֶועקְפַאלְן, דַארְף מֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין זֵיי דִי מִדַת הַשִּׂמְחָה, וָוארוּם בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶערְשְׁט נָאר שִׂמְחָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דִבְרֵי הַיָמִים א, טז) "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ", אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז נָאר פְרֵיילִיךְ טְרַייבְּט מֶען אַוֶועק אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן סִטְרָא אַחֲרָא, אוּן מֶען אִיז זֵיי מְבַטֵל אִינְגַאנְצְן, וָוארוּם עַצְבוּת דָאס אִיז דִי טוּמְאָה, אוּן שִׂמְחָה אִיז דִי קְדוּשָׁה, אוּן מִיט דֶעם קֶען אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ מֶעסְטְן וואו עֶר הַאלְט, אִיז עֶר טְרוֹיעֶרִיג זִינְקְט עֶר אִין דִי טוּמְאָה לֹא עָלֵינוּ, אִיז עֶר פְרֵיילִיךְ הֵייבְּט עֶר זִיךְ אִין דִי קְדוּשָׁה.

אִיבֶּערְדֶעם זֶע אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי בָּחוּרִים אַ גֵייסְט פוּן שִׂמְחָה, אִיר זָאלְט אַסַאךְ זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן, וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר תִּיקוּן הַבְּרִית, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר קֶען פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע אִידְן, וִוי דִי חַזַ"ל דֶערְצֵיילְן, (תַּעֲנִית כב.) רֶבִּי בְּרוֹקָא חוֹזָאָה הֲוָה שָׁכִיחַ בְּשׁוּקָא דְבֵי לְפָט, הֲוָה שָׁכִיחַ אֵלִיָהוּ גַבֵּיה, אָמַר לֵיהּ, אִיכָּא בְּהַאי שׁוּקָא בַּר עַלְמָא דְאָתֵי? אָמַר לֵיהּ,

לָא. וְכוּ׳ אַדְהָכִי וְהָכִי אָתוּ הַנָךְ תְּרֵי אָתֵי. אָמַר לֵיהּ: הַנָךְ נַמִּי בְּנֵי עַלְמָא דְאָתֵי נִינְהוּ. אֲזַל לְגַבַּיְיהוּ. אָמַר לְהוּ, מַאי עוֹבָדַיְיכוּ? אָמְרוּ לֵיהּ, אִינְשֵׁי בַּדוּחֵי אֲנַן, מְבַדְחִינַן עֲצִיבֵי. אִי נַמִּי, כִּי חֲזֵינַן בֵּי תְּרֵי דְאִית לְהוּ תִּיגְרָא בַּהֲדַיְיהוּ טָרְחִינַן וְעָבְדִינַן לְהוּ שְׁלָמָא; זֶע וָואס עֶס וַוארְט פַאר דִיר וְכוּ׳ וְכוּ׳, וָואס מֶען קֶען גָארְנִישְׁט בַּאשְׁרַייבְּן אוּן נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם, וָוארוּם אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן, (יְשַׁעְיָה סד) "עַיִן לֹא רָאֲתָה אֱלֹהִים זוּלָתְךָ יַעֲשֶׂה לַמְחַכֵּה לוֹ" וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן אוֹיף דֶעם (בְּרָכוֹת לד:) מַאי עַיִן לֹא רָאֲתָה? אָמַר רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי זֶה יַיִן הַמְשׁוּמָּר בַּעֲנָבָיו מִשֵּׁשֶׁת יְמֵי בְּרֵאשִׁית, רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָנִי אָמַר זֶה עֵדֶן שֶׁלֹּא שָׁלְטָה בּוֹ עַיִן כָּל בְּרִיָּה; אַז וואוּיל אִיז דִיר אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן וואוּיל אִיז דִיר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ, אוּן זַיי פְרֵיילִיךְ, וֶועסְטוּ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אַנְדֶערֶע אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע.

יֶעצְט הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם, וִוי גוּט וָואלְט גֶעוֶוען אַז יֶעדֶער בָּחוּר זָאל זָאגְן אַ "יוֹם תְּהִלִּים", אַזוֹי וֶועט עֶר קֶענֶען עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ גַאנְץ תְּהִלִּים, אוּן דֶער עִיקָר לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וָואס אִין דֶעם אִיז תָּלוּי דִי גְאוּלָה, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה ז, סִימָן ג) אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד.**

[...

## לֶערְן אוֹיס דָאס קִינְד מוֹחֵל צוּ זַיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, ב׳ אִיָּיר, י"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט וִוי אַ קִינְד זִידְלְט אָפּ דַיין קִינְד מִיט מִיאוּסְ׳עֶ וֶוערְטֶער וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ זִיךְ אַיינְהַאלְטְן, חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט שְׁלָאגְן, חַס וְשָׁלוֹם

נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין אַ כַּעַס; גֶעבּ דָאס אִיבֶּער פַארְן מְנַהֵל אוּן עֶר וֶועט מִיט סַבְלָנוּת מְחַנֵךְ זַיין אוּן אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן אַנְדֶערֶע.

דַיין קִינְד זָאלְסְטוּ מְחַנֵךְ זַיין רִיכְטִיג, אִים אוֹיסְלֶערְנֶען דִי זַאךְ פוּן מוֹחֵל זַיין, דִי אִידִישֶׁע מִדָּה פוּן פַארְגֶעבְּן. לֶערְן אִים אוֹיס צוּ זָאגְן: "הֲרֵינוּ מוֹחֵל לְכָל מִי שֶׁהִכְעִיס וְהִקְנִיט", אִיךְ בִּין מוֹחֵל פַאר אַלֶעמֶען וָואס הָאבְּן מִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן וֵויי גֶעטוּן; דֶער לֶעבְּן אִיז גְרִינְגֶער וֶוען מֶען קֶען פַארְגֶעבְּן אוּן מוֹחֵל זַיין.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט מִיט זַיין אַ מְלַמֵד, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, אִיךְ וִויל נִישְׁט זַיין אַלְט, אִיךְ וִויל נִישְׁט זַיין אַן אַלְטֶער מְקוֹרָב, אִיךְ וִויל שְׁפִּירְן אַ פְרִישְׁקֵייט אִין מַיין הִתְקַרְבוּת צוּם רֶבִּי'ן, אִיךְ וִויל שְׁפִּירְן פְרִישׁ וֶוען אִיךְ לֶערְן מַיינֶע שִׁיעוּרִים אִין דִי תּוֹרָה אוּן אִין דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם צַדִיק, אִיךְ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם נַחַל נוֹבֵעַ, דִי קְוַואל וָואס קְוֶועלְט לֶעבְּן, הֶעלְף מִיר עֶס זָאל מִיר גָארְנִישְׁט שְׁטֶערְן, אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוּן קַיין חֲלִישׁוּת הַדַעַת".

בְּרוּדֶער טֵייעֶרֶער, מֶען דַארְף אוֹיף דֶעם זֵייעֶר בֶּעטְן וַוייל דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט אַזוֹי פַיינְט דֶעם רֶבִּי'ן, מִיט צֵיין אוּן נֶעגְל קֶעמְפְט עֶר אוֹיף יֶעדְן מְקוּרָב, עֶר שְׁטֵייט אוּן זוּכְט וִוי אַזוֹי אַוֶועק צוּ שְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן רֶבִּי'ן, אַזוֹי הָאט עֶר אִים גֶע'הַרְגְ'עֶט לְנֵצַח נְצָחִים; נָאר תְּפִלָּה הֶעלְפְט אוֹיף דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מַגִּיהַּ זַיין דֶעם סֵפֶר שְׂפָתַי תִּפְתָּח, יֶעדֶער זָאל קֶענֶען פַּארְשְׁטֵיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, ג׳ אִיָּיר, י״ח לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה
לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל זֵייעֶר שׁוֹין עֶנְדִיגְן דִי עֶרְשְׁטֶע חֵלֶק שְׂפָתַי תִּפְתָּח אוּן אִיךְ וַוארְט אוֹיף דַיין הִילְף זָאלְסְט מַגִּיהַּ זַיין דִי עֶרְשְׁטֶע אַכְט תּוֹרוֹת.

וֶוען דוּ בִּיסְט מַגִּיהַּ זָאלְסְטוּ קוּקְן אוֹיף צְוֵויי נְקוּדוֹת, עֶרְשְׁטְנְס אוֹיב עֶס אִיז דָא טָעוּתִים; עֶס פֶעלְט אַ וָוארְט, אַן אוֹת, אָדֶער דִי פִּינְטְלֶעךְ אוּן דִי נְקוּדוֹת זֶענֶען פַּארְגְרַייזְט, אוּן בְּעִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען אוֹיב עֶס פֶעלְט הֲבָנָה; זָאלְסְטוּ מִיר אָנְצֵייכֶענֶען, אוּן אִיךְ וֶועל דָאס אִיבֶּערְגֵיין. וַוייל הַיינְט אִיז דָא בָּחוּרִים, אִינְגֶעלַייט אוּן אֲפִילוּ עֶלְטֶערֶע וָואס הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִיל צוּ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, אוּן זֵיי פַּארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט קַיין לָשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ, זֵיי פַּארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דֶעם שְׁפְּרַאךְ וְכוּ׳, דַארְף מֶען דָאס אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען אוֹיף אַ וֶועג אַז אַלֶע זָאלְן דָאס פַּארְשְׁטֵיין.

וֶוען מֶען הֶערְט דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, מֶען לֶערְנְט דִי תּוֹרוֹת פוּן לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן - וֶוערְט אוֹיס בְּחִירָה, מֶען וֶוערְט גְלַייךְ צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שמ): ״זֵיי זָאלְן מִיר הֶערְן אֵיין תּוֹרָה מִיט דֶעם נִיגוּן אוּן מִיטְן טַאנְץ, וָואלְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען״; וַוייל וֶוער עֶס הֶערְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער, מֶען לֶערְנְט דִי תּוֹרוֹת - וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן הוֹיבְּט אָן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁטֶעלְט דֶעם אִינְגֶערְמַאן אֱלִי פֶּערְל נֵרוֹ יָאִיר, עֶר זָאל שְׁטֵיין בְּרֹאשׁ פוּן דִי אִינְגְעלַייט וָואס זֶענֶען מַגִּיהַּ, בִּיטֶע אִים מוֹדִיעַ זַיין וואוּ דוּ הַאלְסְט, אוּן יֶעדֶע תּוֹרָה וָואס דוּ עֶנְדִיגְסְט זָאלְסְטוּ אִים גְלַייךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן.

וואוֹיל אִיז אוּנְז אַז מִיר קֶענֶען מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס בַּאקוּם אִיךְ אִין מַיין הַאנְט?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ג אִיָּר, כ"ח לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וֶוען אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ מוֹהֲרַ"ש בִּין אִיךְ אַרִיבֶּער אַסַאךְ הִתְנַגְּדוּת, מֶען הָאט גֶערֶעדְט צוּ מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ לָשׁוֹן הָרָע, דֶער עִיקָר וָואס הָאט מִיךְ גֶעהַאלְטְן אִיז גֶעוֶוען דִי שֵׂכֶל פוּן וָואס מוֹהֲרַ"ש הָאט גֶערֶעדְט, פוּן זִיךְ מַאכְן שְׁטֶענְדִיג אַ חֶשְׁבּוֹן 'וָואס הָאבּ אִיךְ אִין מַיין הַאנְט? וָואס בַּאקוּם אִיךְ פוּן דִי פְּלַאץ?'

מוֹהֲרַ"ש הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּ אוּנְז מֶען זָאל קוּקְן 'מַה שֶׁבְּיַד'. מוֹהֲרַ"ש פְלֶעגְט אוּנְז אַסַאךְ זָאגְן דִי וָוארְט 'מַה שֶׁבְּיַד בָּטוּחַ', וָואס אִיז אִין הַאנְט - אִיז זִיכֶער, אוּן דָאס הָאט מִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן יֶעדֶע מָאל מֶען הָאט גֶערֶעדְט צוּ מִיר, מֶען הָאט חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, מֶען הָאט גֶעשְׁפֶּעט פוּן מוֹהֲרַ"ש - בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין דִי זַייט אוּן גֶעזָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵוייס נִישְׁט, דָא מַאכְט מֶען אַ גֶעשְׁפֶּעט, דָא זָאגְט מֶען נָאךְ פוּן דֶעם אוּן פוּן יֶענֶעם קֶעגְן דִי פְּלַאץ, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דָאס וָואס אִיךְ טוּ יֶעצְט, אַז אִיךְ רֶעד אוּן שְׁמוּעֶס מִיט דִיר, וֶוער הָאט מִיר דָאס גֶעלֶערְנְט? דָאס וָואס אִיךְ שְׁטַארְק זִיךְ צוּ גֵיין דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, דָאס וָואס אִיךְ שְׁטַארְק זִיךְ צוּ רֶעדְן שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ וְכוּ' וְכוּ' - דָאס הָאט מִיר דֶער צַדִּיק גֶעגֶעבְן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט מַאכְט מֶען פוּן מִיר לֵיצָנוּת, מֶען זָאגְט מִיר עֶר אִיז נִישְׁט קַיין צַדִּיק"; אִיךְ פְלֶעג אַזוֹי סַאךְ וֵויינֶען אוֹיף דִי אֵיין זַאךְ, אִיךְ זָאל וִויסְן וָואס צוּ טוּן, אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט נַארְן, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ גֵיין בְּדֶרֶךְ הָאֱמֶת, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען מֶען וִויסְן וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן, נָאר דוּרְךְ זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן אוּן אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן (תְּהִלִּים כה, ה): "הַדְרִיכֵנִי בַּאֲמִתֶּךָ וְלַמְּדֵנִי", הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער פִיר מִיךְ אוֹיפְן אֱמֶת'ן וֶועג, לֶערְן מִיךְ וָואס אִיז רִיכְטִיג, "הוֹרֵנִי ה' דַּרְכֶּךָ אֲהַלֵּךְ בַּאֲמִתֶּךָ" (שָׁם פו, יא), אִיךְ ווִיל דִי אֱמֶת'עֶ וֶועג, דִי אֱמֶת'עֶ צַדִּיק זָאל מִיךְ מְתַקֵּן זַיין, זָאל מִיר לִיכְטִיג מַאכְן, זָאל מִיר לֶערְנֶען וָואס צוּ טוּן.

פוּן אֵיין זַייט אִיז דִי טֶעג פוּן אָנְהוֹיבּ הִתְקָרְבוּת גֶעוֶוען אַזוֹי לִיכְטִיג, מֶען

הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי מֶען אִיז אַרוֹיס פוּן גָלוּת, אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, אַרוֹיס פוּן דִי טוּמְאָה, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זֶענֶען גֶעוֶוען דִי פְּלִשְׁתִּים אוּן גֶערֶעדְט ׳וָואס דַארְפְסְטוּ זוּכְן נַייעֶ וֶועגְן? וָואס גֵייסְטוּ אַוֶועק פוּן דִי מְסוֹרָה? וָואס פַארְשֶׁעמְסְטוּ דִי מִשְׁפָּחָה?׳ אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַזוֹי צֶערִיסְן, בִּין אִיךְ גֶעלָאפְן טוּן וָואס דֶער שֵׁנִי לַמַּלְכוּת הָאט גֶעטוּן וֶוען מֶען הָאט אִים אַלְץ אָפְּגֶערֶעדְט אוּן אַוֶועק גֶעמַאכְט אַז מֶען הָאט אִים אַ נַארִישְׁקֵייט אַיינְגֶערֶעדְט, וִוי דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אִין דִי עֶרְשְׁטֶע מַעֲשֶׂה אִין סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת, וִוי דֶער שֵׁנִי לַמַּלְכוּת הָאט גֶעוֵויינְט אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֵוייס עֶס אִיז בְּוַדַּאי יָא דָא", אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן דִי גָאלְדֶענֶע בַּארְג אוּן דֶעם פֶּערְלְנֶעם שְׁלָאס.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין, אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁרֵייא אוּן שְׁרֵייא צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ג אִיָּר, כ"ח לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דוּ טְרַאכְטְסְט בִּיסְט שׁוֹין פַארְפַאלְן? דוּ זָאגְסְט ׳וָואס וֶועט זַיין פוּן מִיר? אִיךְ בִּין סַיי וִוי דֶערְנָאךְ׳; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דָאס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִיר, נָאר אִין דִיר; אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, דוּ וֶועסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג נָאךְ טָאג, וָואךְ נָאךְ וָואךְ - בִּיז מֶען וֶועט רַחְמָנוּת הָאבְּן דִיר פוּן הִימְל, דוּ וֶועסְט טַעְנָה׳ן ׳לָמָּה נִגָּרַע?׳ וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען אַ פֶּסַח שֵׁנִי, וִוי מֶען רוּפְט עֶס אִין אַמֶערִיקֶע ׳נָאךְ אַ טְשֶׁענְס׳.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס וַוייל הַיינְט נַאכְט אִיז פֶּסַח שֵׁנִי, דַארְף דִי מִצְוָה פוּן פֶּסַח שֵׁנִי דִיךְ לֶערְנֶען וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן וֶוען מֶען וֶוערְט טָמֵא. דִי מִצְוָה הָאט מֶען בַּאקוּמֶען נָאכְדֶעם וָואס דִי אִידְן וָואס זֶענֶען טָמֵא גֶעוָוארְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט מְקַיֵּים זַיין דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן קָרְבַּן פֶּסַח - זֶענֶען

גֶעקוּמֶען צוּ משֶׁה רַבֵּינוּ מִיט אַ טַעֲנָה (בַּמִּדְבָּר ט, ז): "'לָמָּה נִגָּרַע', וָואס זֶענֶען מִיר אַנְדֶערְשׁ? אִיךְ בִּין טָמֵא, אִיךְ טָאר נִישְׁט מַאכְן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, פַאְרוָואס? אִיךְ ווִיל אָבֶּער אוֹיךְ מַאכְן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה!" משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזֶען דִי רָצוֹן, דִי ווִילְן פוּן אָט דִי אִידְן, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיךְ גֵיי פְּרֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָא גֵייט עֶפֶּעס זַיין, ווַייל וָוען מֶענְטְשְׁן ווִילְן זַיין גוּט, זֵיי בֶּעטְן זִיךְ: "לָמָּה נִגָּרַע" הֶעלְפְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן דָאךְ (שַׁבָּת קד.): "הַבָּא לְטַהֵר", וָוען מֶען ווִיל זַיין גוּט, "מְסַיְּעִים אוֹתוֹ", הֶעלְפְּט מֶען פוּן הִימְל; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר משֶׁה רַבֵּינוּ זָאל זֵיי גֶעבְּן נָאךְ אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ מַאכְן יֶעצְט דֶעם פֶּסַח.

שְׁרֵיי: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָמָּה נִגָּרַע, וָואס בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ? לָמָּה נִגָּרַע, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק, לָמָּה נִגָּרַע אַז אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן", שְׁרֵיי אוּן שְׁרֵיי אוּן שְׁרֵיי, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכט): "וְאֲפִלּוּ כְּשֶׁנּוֹפְלִין לִפְעָמִים לְתוֹךְ רֶפֶשׁ וָטִיט, שֶׁקָּשֶׁה לוֹ מְאֹד לָצֵאת מִשָּׁם", אֲפִילוּ מֶען פַאלְט אַרַיין אִין אַ בְּלָאטֶע וָואס עֶס אִיז שְׁוֶוער אַרוֹיס צוּ גֵיין דֶערְפוּן, "צוֹעֲקִין, וְצוֹעֲקִין, וְצוֹעֲקִין!" וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן (רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דֶעם לָשׁוֹן אִין אִידִישׁ אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט): "אוּן אֲפִלּוּ אַז מֶען פַאלְט אִין אַ בְּלָאטֶע אַרַיין, שְׁרַייט מֶען, אוּן מֶע שְׁרַייט, אוּן מֶע שְׁרַייט"; דָאס אִיז דִי עֵצָה ווִי אַזוֹי מֶען קֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן עֲבֵירוֹת, מֶען זָאל שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: "הֶעלְף מִיר טַאטֶע, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת", אַזוֹי וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין, מֶען וֶועט דִיר גֶעבְּן נָאךְ אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט אָנְצוּהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנַיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַ מְלַמֵּד זָאל שְׁלָאגְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ז' אִיָּר, כ"ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה
לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הֶער פוּן עֶלְטֶערְן אַז דֶער מְלַמֵּד אִין כִּתָּה ... - שְׁלָאגְט; וויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט רֶעדְן צוּ דִי מְלַמְּדִים אַז זֵיי קֶענֶען נִישְׁט שְׁלָאגְן, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַ מְלַמֵּד זָאל שְׁלָאגְן. אוֹיבּ מֶען דַארְף גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ - זָאל דָאס דֶער מְנַהֵל טוּן, אוּן אַז דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דוּ דַארְפְסְט גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ, זָאלְסְטוּ גֵיין עֶרְשְׁט הִתְבּוֹדְדוּת אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט טוּן נָאר וָואס אִיז רִיכְטִיג, קֶענֶען אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער וָואס אִיז רִיכְטִיג, זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אַהֲבַת הַבּוֹרֵא.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט אַז אַ מְלַמֵּד שְׁלָאגְט נִישְׁט, נָאר אַז עֶס פֶעלְט אוֹיס - זָאל דֶער מְנַהֵל זִיךְ מְטַפֵּל זַיין אִין דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט זִיצְן בַּיים קָאמְפְּיוּטֶער קַיין אִיבְּרִיגֶע צַייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ז' אִיָּר, כ"ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה
לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרְבֶּעטְן פַאר דִי חֵדֶר אַלְס סְגַן מְנַהֵל, וויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן קַיין לֵיימֶענֶער גוֹלֶם בַּיים קָאמְפְּיוּטֶער; דֶער קָאמְפְּיוּטֶער גֶעבְּט אַרוֹיס גוּטְס, מֶען קֶען מַאכְן שֵׁיינֶע צֶעטְלֶעךְ, שֵׁיינֶע קוּנְטְרֵסִים, אוּן אוֹיךְ קֶען מֶען וֶוערְן אַ קְלָאץ; מֶען קֶען זִיצְן אוּן קוּקְן אוּן נִישְׁט וִויסְן וִוי דֶער טָאג אִיז אַרִיבֶּער.

מַאךְ זִיךְ אַ סֵדֶר, נִישְׁט מֶער וִוי אַפָּאר שָׁעָה אַ טָאג וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן פַאר דִי צֶעטְלֶעךְ (אוֹיבּ מֶען דַארְף עֶס), אוּן אִין דִי אִיבְּרִיגֶע צַייט

זָאלְסְטוּ נִישְׁט זִיצְן בַּיים קָאמְפִּיוּטֶער. זָאלְסְט רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער, גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן הֶעלְפְן מִיט וָואס מֶען דַארְף הֶעלְפְן.

לֶערְן יֶעדְן טָאג מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא, מֶדְרָשׁ; וֶועסְטוּ מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ דִיר דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַאר יֶעדְן אַ שִׁידוּךְ, אוֹיךְ פַאר דִיר**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ז׳ אִיָּר, כ״ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס אִיז מִיט דִיר? וָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי מְיוּאָשׁ? וָואס מַאכְסְטוּ זִיךְ אַזוֹי גְרוֹיס אוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי קְלֵיין?! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַ שִׁידוּךְ, אוּן אוֹיךְ פַאר דִיר, אִיז וָואס זָאלְסְטוּ זַיין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן.

בְּלַייבּ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, נָאר גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף, אוּן אַז דוּ קֶענְסְט - זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרִיבֶּער כַאפְּן קַיין יַבְנְאֵל צוּם צִיוּן פוּן מוֹהֲרָא״ש אוּן אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִּים. מוֹהֲרָא״ש הָאט צַוָואָה גֶעלָאזְט (צַוָּאַת מוֹהֲרָא״ש, אוֹת ה): ״מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַיין עֵדוּת אַז יֶעדֶע וָוארְט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן פַאר מַיין מַצֵּבָה אִיז אֱמֶת. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אוּן קֶען מַיין צוּבְּרָאכְן הַארְץ וֶועלְכֶע אִיז צוּבְּרָאכְן אוֹיף טוֹיזְנְטֶער שְׁטִיקְלֶעךְ כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר. אוּן אִיךְ הָאף אַז מִיט דֶעם וָואס מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר אוּן מֶען וֶועט דָארְט דַאוֶנֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ דֶעם וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַ תִּיקוּן פַאר מַיין נֶפֶשׁ רוּחַ אוּן נְשָׁמָה.

אַזוֹי וִוי בַּיי מַיין לֶעבְּן זֶענֶען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן צוּ תְּשׁוּבָה

טוּן דוּרְךְ מִיר, אַזוֹי וֶועט זַיין אוֹיךְ נָאךְ מַיין הִסְתַּלְקוּת. וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר, וֶועט מֶען נִתְעוֹרֵר וֶוערְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן.

אוֹיךְ וֶועט מֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קֶענֶען פּוֹעֶלְ'ן בַּיי מַיין קֶבֶר אַלֶע עֶרְלֵיי יְשׁוּעוֹת. וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען מִתְפַּלֵּל זַיין בַּיי מַיין קֶבֶר, וֶועל אִיךְ זַיין אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט רוּעֶן בִּיז אִיךְ וֶועל זֶען צוּ בְּרֶענְגֶען דִי יְשׁוּעָה פַאר דֶעם וָואס אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף מַיין קֶבֶר.

אוּן סְפֶּעצִיעֶל אַ בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ, אוֹיב וֶועלְן זֵיי קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר אוּן דָארְט אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים אָן קַיין הֶפְסֵק, זָאג אִיךְ זֵיי צוּ אַז זֵיי וֶועלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר רִיכְטִיגֶע בַּאשֶׁערְטֶע שִׁידוּךְ, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זַיי מְחַנֵּךְ דַיינֶע קִינְדֶער צוּ הָאבְן דֶרֶךְ אֶרֶץ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת אֱמוֹר, י"ד אִיָּיר, פֶּסַח שֵׁנִי, כ"ח לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי מְחַנֵּךְ דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן הָאבְן דֶרֶךְ אֶרֶץ. פְרֶעג דַיינֶע קִינְדֶער יֶעדְן טָאג וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין כִּתָּה, אוּן וֶוען זֵיי דֶערְצֵיילְן דִיר אַז קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג זָאלְסְטוּ זָאגְן זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג זֵיי זָאלְן זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג. אִיךְ זָאג מַיינֶע קִינְדֶער: "פַאר אֵיין זַאךְ וֶועל אִיךְ מוּזְן שְׁטְרָאפְן, אוֹיב אִיךְ הֶער פוּן חֵדֶר אָדֶער סְקוּל אַז עֶנְק זֶענֶען נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג", אוּן אוֹיךְ אִין שׁוּל אוּן צְווִישְׁן מִשְׁפָּחָה זָאלְסְטוּ פַארְלַאנְגֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן זֵיי נָאכְקוּקְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן סה): "צָרִיךְ לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק דֶּרֶךְ אֶרֶץ מִנְּעוּרָיו", מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דֶעם קִינְד דֶרֶךְ אֶרֶץ וֶוען עֶר אִיז נָאךְ יוּנְג.

מִיר זֶעעֶן אִין חֵדֶר אוּן אִין בֵּית פֵּיגָא אוֹיף דִי קִינְדֶער אוֹיב דִי עֶלְטֶערְן

פַּארְלַאנְגֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוֹיךְ בַּיי דִי בָּחוּרִים זֶעעֶן מִיר דָאס; וַוייל קִינְדֶער וָואס דִי עֶלְטֶערְן לֶערְנֶען זֵיי דֶרֶךְ אֶרֶץ - דִי זֶענֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג אִין חֶדֶר, אִין סְקוּל, אִין יְשִׁיבָה.

הַיינְט אִיז אַ גוּטֶע טָאג אָנְצוּהוֹיבְּן מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער, פֶּסַח שֵׁנִי לֶערְנְט אוּנְז אַז מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן; אֲפִילוּ דִי תּוֹרָה זָאגְט קְלָאר אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט - קֶען מֶען מִיט תְּפִלָּה, מִיט עַזּוּת דִקְדֻשָּׁה - יָא אָנְקוּמֶען אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מַקְרִיב זַיין דִי קָרְבַּן פֶּסַח; זָאלְסְטוּ הַיינְט פוּן פְּרִישׁ טוּן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער.

בְּרֶענְג נִישְׁט אַהֵיים דִי טֶעלֶעפָאן, בְּרֶענְג נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ קַיין טֶעבְּלֶעט וְכַדוֹמֶה. בִּיסְט טַאקֶע זֵייעֶר אַ קְלוּגֶער אִינְגֶערְמַאן, אָבֶּער דָאךְ הָאבְּן מִיר צַדִיקִים וָואס זֶענֶען קְלוּגֶער, זֵיי זָאגְן אַז דָאס לֵייגְט צוּגְרֵינְד אַ שְׁטוּבּ, אַז דוּ וֶועסְט מִיךְ אוֹיסְהֶערְן - וֶועסְטוּ נִישְׁט דֶערְלֵייגְן.

אִיךְ בִּין גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ גֵיי צוּ מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים מִתְפַּלֵל זַיין פַאר דִיר אוּן דַיין מִשְׁפָּחָה. אַלֶע בֶּעטְן מִיר אִיךְ זָאל בֶּעטְן פַאר זֵיי, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ עֶפֶּעס בֶּעטְן, אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט הַאלְטְן דַיין שְׁטוּבּ רֵיין אוּן עֶרְלִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## טַאטֶע אוּן מַאמֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ דִי חַתוּנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ח׳ אִיָר, כ״ג לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער, הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין טַאטֶע ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט הַאלְטְן דַיין חֲתוּנָה; עֶר שְׁרַייבְּט מִיר, עֶר בֶּעט מִיר - אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּ דִיר וְכוּ׳.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט טוּן וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט אוּן לַאדֶענֶען דַיין טַאטֶע צוּ דַיין חֲתוּנָה, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אוּן טָארְסְט נִישְׁט נֶעמֶען קַיין שׁוּם שְׁטֶעלוּנְג אִין דִי מַחֲלֹקֶת צְווִישְׁן טַאטֶע מַאמֶע, דוּ דַארְפְסְט לַאדֶענֶען

סַיי דַיין טַאטֶע און סַיי דַיין מַאמֶע, בֵּיידֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ דִי חֲתוּנָה, און דוּ זָאלְסְט זָאגְן פַאר דַיין מַאמֶע זִי דַארְף פַארְשְׁטֵיין אַז זִי קֶען נִישְׁט טוּן זַאכְן אָפְּצוּשְׁטֶעלְן דַיין טַאטֶע זָאל זַיין בַּיי דַיין שִׂמְחָה.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, דַיין טַאטֶע הָאט נִישְׁט גָארְנִישְׁט אִין לֶעבְּן, נָאר דוּ רֶעדְסְט מִיט אִים, און אַלֶעס בִּזְכוּת דַיין הִתְקַרְבוּת צוּם רֶבִּי'ן וָואס לֶערְנְט אוּנְז ווִי זִיךְ צוּ פִירְן, טוּן וָואס דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְט. זָאלְסְטוּ לַאדֶענֶען דַיין טַאטֶע און עֶר זָאל דִיךְ אוּנְטֶערְפִירְן אוּנְטֶער דִי חוּפָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווילְסְט זַיין מַיין חַבְרוּתָא צוּ לֶערְנֶען טוּר בֵּית יוֹסֵף?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ח' אִיָּר, כ"ג לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אִין אַפָּאר וָואכְן וֶועל אִיךְ קוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל. עֶרְשְׁט קוּם אִיךְ פַאר דִי זוּמֶער וָואכְן, און אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ בְּלַייבְּן; ווִיל אִיךְ זֵייעֶר צוּרִיק גֵיין אִין כּוֹלֵל. אִיךְ וֶועל נִישְׁט זַיין אַ גַאנְצְן טָאג אִין כּוֹלֵל, אִיךְ הָאבּ דָאךְ דִי יְשִׁיבָה און נָאךְ קָהָל'ישֶׁע זַאכְן, אִיךְ ווִיל זֵייעֶר פַאר צְוֵויי שָׁעָה קוּמֶען אִין כּוֹלֵל, אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט זַיין מַיין חַבְרוּתָא צוּ לֶערְנֶען טוּר בֵּית יוֹסֵף. אַה וָואס פַאר אַ זִיסְקֵייט דָאס אִיז, אִיךְ גֶעדֶענְק דִי פָּאר יָאר פוּן אַלְס חָתָן בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפֶנְט דִי יְשִׁיבָה הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶועןְ צוּ זִיצְן און לֶערְנֶען אִין כּוֹלֵל און לֶערְנֶען טוּר בֵּית יוֹסֵף און שֻׁלְחָן עָרוּךְ לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה, דָאס אִיז טַעַם גַן עֵדֶן.

שְׁטַארְק זִיךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן מִיט אַ סִידוּר, אָן רֶעדְן, אָן שְׁמוּעֶסְן. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת נִישְׁט אוֹיסְצוּלָאזְן שְׁטִיקְלֶעךְ פוּנֶעם דַאוֶוענֶען, דַאוֶוענֶען פוּן אָנְהוֹיבּ בִּיזְן סוֹף אָן רֶעדְן. שַׁחֲרִית הוֹיבּ אָן "מַה טֹּבוּ" בִּיז נָאךְ

"עָלֵינוּ לְשַׁבֵּחַ", מִנְחָה הוֹיבּ אָן "קָרְבָּנוֹת" בִּיז נָאךְ "עָלֵינוּ", אוּן אַזוֹי אוֹיךְ מַעֲרִיב, זָאג "שִׁיר הַמַּעֲלוֹת" בִּיז "עָלֵינוּ". עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִין אָנְהוֹיבּ, מֶען דַארְף זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער אִיז דָאס אַזוֹי זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק, וֶוען מֶען וֶוערְט עֶלְטֶער וֶוערְט מֶען נָאר יוּנְגֶער, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִינִּים ג, ו): "זִקְנֵי תּוֹרָה", דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן, "כָּל זְמַן שֶׁמַּזְקִינִין", וֶוען זֵיי וֶוערְן עֶלְטֶער - "דַּעְתָּן מִתְיַשֶּׁבֶת עֲלֵיהֶן", זֵיי וֶוערְן אַלְץ מֶער צוּ דִי זַאךְ.

לָאז מִיךְ וִויסְן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט בַּאשְׁטֵיין צוּ זַיין מַיין חַבְרוּתָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט לֶעבְּן אִין אִיבְּרִיגֶע שְׁרֶעק פוּן עַיִן הָרָע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ח' אִיָּיר, כ"ג לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וֶועגְן עַיִן הָרָע וְכוּ'; פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען לֶעבְּן בַּאשֵׁיידְן אוּן זִיךְ פִירְן אֵיידֶל, נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם אוּן נִישְׁט אַיינְקוֹיפְן זַאכְן וְכוּ', אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט טָאר מֶען נִישְׁט לֶעבְּן אִין אִיבְּרִיגֶע שְׁרֶעק. מֶען פִירְט זִיךְ אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן דֶעם וְכוּ', מֶען בַּאהַאלְט דָאס. פַאר עֶלְטֶערְן דַארְף מֶען יָא מוֹדִיעַ זַיין, וַוייל דִי הַארְץ פוּן אַ מַאמֶע וָואס זָארְגְט אוּן בֶּעט - אִיז נִישְׁט צוּם בַּאגְרֵייפְן; נָאר פוּן חַבֶר'טֶעס אוּן אַזוֹי וַוייטֶער - פִירְט מֶען זִיךְ דָאס צוּ בַּאהַאלְטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק חֵלֶק ב', סִימָן כ): "עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנּוּי בְּמַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע", דוּרְכְן דֶערְמַאנֶען דִי נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים קֶען מֶען טוֹישְׁן דִי טֶבַע; דֶערִיבֶּער אִיז גוּט וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל מֶען אַרוֹיסְזָאגְן דִי נֶעמֶען פוּן

דִי צַדִיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט אוֹיסְנֶווייניג, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: אַבְרָהָם, יִצְחָק, יַעֲקֹב, מֹשֶׁה, אַהֲרֹן, יוֹסֵף, דָוִד אוּן שְׁלֹמֹה, רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, רַבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, רַבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, רַבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן נָאךְ נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט, אוּן נָאכְדֶעם זָאל מֶען זָאגְן דִי תְּפִלָּה:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעבּוֹירְן גְרִינְג אַ גֶעזוּנְט קִינְד בְּרַמַ"ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ"ה גִידִים אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי אַלֶע טֶעג וָואס אִיךְ וַוארְט - גְרִינְגֶערְהֵייט. נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר אַלֶע מִינֵי עַיִן הָרַע׳ס אַז קֵיינֶער זָאל מִיךְ נִישְׁט קֶענֶען שֶׁעדִיגְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן דַיין ווִילְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג טוּן נָאר גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן פוּן דֶעם אַ נַחַת רוּחַ. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אָן מַיין תְּפִלָּה אוּן הֶעלְף מִיר שׁוֹין אִין זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִיקִים, וּבִפְרַט אִין דִי זְכוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן אִין זְכוּת פוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָּה, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ יְ״יָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## רֶעדְן צוּ דִי תַּלְמִידוֹת פוּן אֵיידְלְקֵייט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ח׳ אִיָּר, כ״ג לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה

מָרַת ... תְּחִיֶ׳, מְנַהֶלֶת בֵּית פֵיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען מִיט דִי תַּלְמִידוֹת פַּארֶעכְטְן קְלֵיידֶער, זֵיי זָאלְן קֶענֶען פַּארֶעכְטְן דִי קְלֵיידֶער פוּן זֵייעֶר מִשְׁפָּחָה סַיי יֶעצְט אוּן סַיי נָאךְ זֵייעֶר חֲתוּנָה, דָאס וֶועט זֵיי שְׁפָּארְן גֶעלְט.

אוֹיךְ פְרֵיי אִיךְ זִיךְ צוּ הֶערְן אַז אִיר נֶעמְט צַאם דִי סֶעקְרֶעטֶערִיס אוּן בֶּעבִּי סִיטֶערְס שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי, זֶען וָואס מֶען קֶען מַאכְן בֶּעסֶער אוּן בֶּעסֶער פַאר בֵּית פֵּיגָא.

אִיךְ וִויל דֶערְמַאנֶען אִיר זָאלְט פֶּערְזֶענְלִיךְ רֶעדְן צוּ אַלֶע תַּלְמִידוֹת פוּן רֶעדְן אֵיידְל, נִישְׁט רֶעדְן פְּרִיוַואטֶע זַאכְן. מֶען קֶען נִישְׁט יוֹצֵא זַיין מִיט אֵיין מָאל הָאבְּן גֶערֶעדְט, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת סא.) אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ד, ז): "לַפֶּתַח חַטָּאת רֹבֵץ", אַז דֶער יֵצֶר הָרָע זִיצְט בַּיים הַארְץ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אוּן מוּטְשֶׁעט אוּן מוּטְשֶׁעט צוּ זִינְדִיגְן; אוּן אַז מֶען רֶעדְט אֵיין מָאל פוּן זִיךְ שְׁפִּילְן אֵיידְל אוּן פוּן זִיךְ פִירְן אֵיידְל - אִיז נִישְׁט גֶענוּג, מֶען דַארְף רֶעדְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז דִי טִיטְשֶׁערְס רֶעדְן פוּן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, פוּן זִיךְ שְׁפִּילְן אֵיידְל וְכוּ', דִי מְנַהֶלֶת דַארְף אוֹיךְ אַרוּמְגֵיין אִין דִי קְלַאסְן פוּן צַייט צוּ צַייט רֶעדְן קְלָאר אוּן דֵייטְלִיךְ פוּן זִיךְ פִירְן אֵיידְל אוּן פוּן דִי שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע נָאנְטְקֵייט פוּן חַבֶרְ'טֶעס אוּן אוֹיךְ מִשְׁפָּחָה.

אִיךְ בִּין אַייךְ זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַאר אַייעֶר מְסִירוּת נֶפֶשׁ פַאר בֵּית פֵּיגָא, בִּזְכוּת וָואס אִיר גֶעבְּט זִיךְ אַזוֹי אַוֶועק פַאר אוּנְזֶערֶע טֶעכְטֶער וֶועט אִיר זֶען נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן קִינְדְ'ס קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אֶפְשָׁר ווִילְסְטוּ טוּן עֶפֶּעס פַאר דַיין נְשָׁמָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט"ו אִיָּר, ל' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ גֵיי אַרוּם צוּ מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים, אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה.

אַלֶע בֶּעטְן מִיר אִיךְ זָאל בֶּעטְן פַאר זֵיי, אָבֶּער אִיךְ וִויל דִיר אוֹיךְ עֶפֶּעס בֶּעטְן, אִיךְ בֶּעט דִיר נֶעם דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן,

סִימָן יט): "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

אֶפְשָׁר דַאךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ אָנְהוֹיבְּן הֶעלְפְן? אֶפְשָׁר ווילְסְטוּ עֶפֶּעס טוּן פַאר דִיר פַאר דַיין נְשָׁמָה? נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת, לֶערְן אֵיין פֶּרֶק נָאכְן צְוֵוייטְן, אִין אָנְהוֹיבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט, וַוייל פוּן אַזוֹיפִיל מָאל זִינְדִיגְן אִין דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הָאסְטוּ פַארְלוֹירְן דַיין מֹחַ, אַזוֹי ווי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (עַיֵּין פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, קי): "סְלוּקָא דִיסוֹדָא עַד אַבָּא וְאִמָּא", אַז מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית - מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּיְסוֹד, גֵייט דֶער פְּגַם בִּיז מֹחַ; מֶען פַארְלִירְט דֶעם כֹּחַ פוּן זִיךְ קֶענֶען קָאנְצֶעטְרִירְן וְכוּ', אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען וַוייטֶער זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה אַז מֶען וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, מֶען הוֹיבְּט אָן לֶעבְּן אַ גֶעזוּנְטֶע לֶעבְּן, אַ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען לָאזְט אָפּ דִי מְטוּמְטָמְ'דִיגֶע עֲבֵירָה, מֶען הֶערְט אוֹיף צוּ טוּן עֲבֵירוֹת אוּן מֶען רַייסְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי קְלִיפּוֹת.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין זוֹהַר אוּן תִּיקוּנִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט"ז אִיָּר, ל"א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מָארְגְן נַאכְט אִיז לַ"ג בָּעֹמֶר, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג. אִיךְ בִּין גֶעפָארְן קַיין מִירוֹן, אִיךְ וֶועל דָארְט מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר דִיר, אוּן אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיךְ מְקַשֵּׁר זַיין מִיט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי פוּן וואוּ דוּ גֶעפוּנְסְט זִיךְ, מִיט אַ צַדִּיק קֶען מֶען זַיין מְקוּשָּׁר אֲפִילוּ מֶען אִיז וַוייט אַוֶועק אִין דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֶועלְט, דוּרְךְ לֶערְנֶען זַיינֶע סְפָרִים.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַזּוֹהַר. וֶוער עֶס לֶערְנְט זוֹהַר, עֶר זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן זוֹהַר, אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין - הוֹיבְּט אָן זֶען דָאס לִיבְּשַׁאפְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּ אוּנְז אוּן ווִי חָשׁוּב יֶעדֶע מִצְוָה אִיז אִין הִימְל, אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר, דָאס וַואשְׁט אָפּ דִי נְשָׁמָה. אוֹיךְ פַאר דַיינֶע זִין זָאלְסְטוּ קוֹיפְן אַ סֵפֶר תִּיקוּנִים אוּן זֵיי מַרְגִּיל זַיין אִין זָאגְן תִּיקוּנִים, אִיךְ פַאר מִיר לֶערְן יֶעדְן טָאג תִּיקוּנֵי זוֹהַר אוּן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לֶערְן אִיךְ סֵפֶר הַזּוֹהַר. זָאלְסְטוּ אוֹיךְ לֶערְנֶען זוֹהַר אוּן תִּיקוּנִים, אוּן אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס שְׁטֵייט, דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִיטְאַמָאל דִי טַייטְשׁ - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, וַוייל דָאס אִיז מְקַדֵּשׁ וּמְטַהֵר, עֶס מַאכְט בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן מִיט לֵצִים. רֶבִּי נָתָן זָאגְט אַז לֵיצָנוּת אִיז אֲבִי אֲבוֹת הַטּוּמְאָה; עֶס נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא טוּמְאָה וָואס פַארְשְׁטֶעלְט גִּלּוּי אֱלֹקוּת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ - ווִי דִי טוּמְאָה פוּן לֵיצָנוּת, אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו:): "הַבָּא לִיטַּמֵּא פּוֹתְחִין לוֹ", אֵיינֶער ווִיל אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֶעלְפְט מֶען פוּן הִימְל עֶר זָאל אַוֶועק גֵיין, "שֶׁנֶּאֱמַר (מִשְׁלֵי ג, לד): 'אִם לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ'", זָאגְט רֶבִּי נָתָן, וָואס הָאט מֶען אָנְגֶעכַאפְּט דַוְקָא דֶעם פָּסוּק? וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ ווִיל טוּן עֲבֵירוֹת, בְּרֶענְגְט מֶען אִים אַ לֵץ, עֶר לַאכְט אָפּ פוּן אַלֶעס וָואס צַדִּיקִים זָאגְן, אוּן אַזוֹי פַאלְט עֶר מִמֵּילָא אַרָאפּ רַחֲמָנָא לִצְלָן.

רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג אָנְזָאגְן זַיינֶע תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן לֵצִים, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: "דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶערֶעדְט, הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן, אוּן דִי וָואס הָאבְּן גֶע'טַעֲנָה'ט אוּן זִיךְ מִתְוַוכֵּחַ גֶעוֶוען - זֶענֶען לֵיידֶער אַוֶועק גֶעפַאלְן", דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ הָאבְּן צוּטוּן מִיט לֵצִים, אֲפִילוּ זֵיי זֶעעֶן אוֹיס וִוי חֲסִידִי'שֶׁע אִינְגֶעלַייט; בְּרוּדֶער, אַנְטְלוֹיף פוּן זֵיי וִוי פוּן פַייעֶר, וַוייל דוּ וֶועסְט נָאכְדֶעם אַוֶועק פַאלְן אִינְגַאנְצְן פוּן אִידִישְׁקֵייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נֶעמְט זִיךְ פָאר זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶעמֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, י' אִיָּר, כ"ה לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן פוּן אַייעֶרֶע טִיטְשֶׁערְס אַז אִיר זֶענְט זֵייעֶר זֵייעֶר ווֹאוִיל, סַיי אִין דֶרֶךְ אֶרֶץ, סַיי מִיט גוּטֶע מִידוֹת. אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן דִי שֵׁיינֶע גְרוּס, אוּן אִיךְ קֶען קוֹים וַוארְטְן צוּ טְרֶעפְן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן זֵיי אִיבֶּער גֶעבְּן דִי גוּטֶע גְרוּס, זֵיי מְחַיֶּ' זַיין.

בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק אוּן וִויכְטִיג מֶען זָאל זִיךְ פִירְן מִיט "דֶרֶךְ אֶרֶץ". דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואס פַאר אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן אוֹיס פַאר מַיינֶע תַּלְמִידִים, וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ מִיר אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ"; אַז אַ מֵיידְל פִירְט זִיךְ אוֹיף מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין שְׁטוּב צוּ דִי עֶלְטֶערְן אוּן אִין שׁוּלֶע צוּ דִי טִיטְשֶׁערְס - אִיז זִי אַ רִיכְטִיגֶע תַּלְמִידָה פוּן בֵּית פֵּיגָא אוּן דָאס הֵייסְט אַ תַּלְמִידָה פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

נֶעמְט זִיךְ פָאר זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶעמֶען. וֶוען דִי אִידִישׁ טִיטְשֶׁער עֶנְדִיגְט לֶערְנֶען מִיט עֶנְק - זָאלְט אִיר צוּגֵיין אֵיידֶעלֶערְהֵייט אוּן זָאגְן שְׁכֹּחַ, וֶוען דִי עֶנְגְלִישׁ טִיטְשֶׁער עֶנְדִיגְט לֶערְנֶען - זָאלְט אִיר זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אִיר

און זָאגְן שְׁכּ֗חַ, וֶוען דִי נֵייעֶן טִיטְשֶׁער עֶנְדִיגְט מִיט עֶנְק לֶערְנֶען וְוִי אַזוֹי צוּ נֵייעֶן - זָאלְט אִיר זִיךְ בַּאדַאנְקֶען, און אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען אִיר גֵייט אַרִיבֶּער דִי מְנַהֶלֶת - זָאלְט אִיר אַלְץ זָאגְן שְׁכּ֗חַ פַאר אַלֶעס, אוֹיךְ וֶוען אִיר דַארְפְט עֶפֶּעס פוּן אָפִיס, אִיר זֶעט דִי סֶעקְרִיטֶערִיס - זָאלְט אִיר זֵיי שְׁטֶענְדִיג בַּאדַאנְקֶען.

אוֹיךְ אִין שְׁטוּבּ זָאלְט אִיר זָאגְן פַאר טַאטֶע מַאמֶע: "שְׁכּ֗חַ פַאר אַלֶעס", אַז אִיר וֶועט זִיךְ אַזוֹי צוּגֶעוואוֹינֶען - וֶועט אִיר אוֹיךְ הָאבְּן הַכָּרַת הַטּוֹב פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל נָאר דֶער וָואס הָאט הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר דֶער וָואס טוּט אַ טוֹבָה, דֶער גֶעדֶענְקְט צוּ דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בַּיי פַּרְעֹה, דֶער קֶענִיג פוּן מִצְרַיִם שְׁטֵייט - "אֲשֶׁר לֹא יָדַע אֶת יוֹסֵף" (שְׁמוֹת א, ח), עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט וְוִי עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וֶוער יוֹסֵף הַצַּדִּיק אִיז, וֶוער עֶס הָאט אִים גֶערַאטֶעוֶועט, אִים מִיט זַיין לַאנְד, און שְׁפֶּעטֶער שְׁטֵייט (שָׁם ה, ב): "לֹא יָדַעְתִּי אֶת ה'", אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וַוייל נָאר דֶער וָואס בַּאדַאנְקְט זִיךְ - דֶער גֶעדֶענְקְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וַוייזְט דֶעם בְּרִיוו פַאר אַייעֶרֶע חַבֶר'טֶעס, אַלֶע זָאלְן זִיךְ אַזוֹי פִירְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַז מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה קֶען מֶען עֶס אִיבֶּערְגֶעבְּן וַוייטֶער**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, י' אִיָּר, כ"ה לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז דוּ הָאסְט יֶעצְט גֶעעֶנְדִיגְט בּוֹדֵק זַיין דֶעם עֵירוּב גֵייעֶנְדִיג מִיט דִי פִּיס, דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט דִי יֶערְלִיכֶע בְּדִיקָה. אִיךְ דַאנְק דִיר אוֹיף דֶעם, אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, אִיךְ בִּין אַלֵיין אַרִיבֶּער אוֹיפְן גַאנְצְן עֵירוּב גֵייעֶנְדִיג צוּ פִיס בּוֹדֵק זַיין יֶעדֶע לֶחִי פוּן דֶער נָאנְט, עֶס הָאט מִיר גֶענוּמֶען אַפָּאר גַאנְצֶע טֶעג פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז בַּיינַאכְט. אִין דֶעם זְכוּת זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער, כַּיָּדוּעַ פוּן צַדִּיקִים אַז מַאכְן אַן עֵירוּב אִיז מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער.

אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן, הֱיוֹת דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵד, דוּ דַארְפְסְט אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה, און נָאר אַז מֶען הָאט אַלֵיין אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה קֶען מֶען דָאס אִיבֶּער גֶעבְּן וַוייטֶער. בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, נֶעם אַרַיין דִי אֱמוּנָה אִין דִיר, חַזֶר זִיךְ אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁטָא קַיין רִיר וָואס זָאל פַּאסִירְן פֶּערְצוּפַאל. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חולין ז:): "אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְמַטָה, אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעְלָה", אַ מֶענְטְשׁ צֶעקְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט דֶעם קְלֵיינֶעם פִינְגֶער אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל אָנְשְׁרַייבְּן אוֹיבְן אִין הִימְל עֶס זָאל פַּאסִירְן.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער רֵיינֶע אֱמוּנָה, רֶעד מִיט זֵיי אַסַאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אַלֶעס פַּאסִירְט מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶע הַשְׁגָחָה, לֶערְן מִיט דִי קִינְדֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעלֶערְנְט, מֶען זָאל ווִיסְן אַז גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט פוּן זִיךְ אַלֵיין, און וֶוען דֶער וָואגְן פָּארְט און עֶס פַאלְן אַרָאפּ שְׁטְרוֹי - אִיז אוֹיךְ אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן אוֹיבְן פִּינְקְטְלִיךְ וואוּ דִי שְׁטְרוֹי זָאל פַאלְן, און וֶוען אַ בְּלֶעטֶעלֶע פַאלְט אַרָאפּ פוּן בּוֹים אִיז אוֹיךְ אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן הִימְל פִּינְקְטְלִיךְ וואוּ עֶס זָאל פַאלְן; קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי און מְדַבֵּר, אַלֶעס אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## צְווֵיי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן, דָאס אִיז שָׁלוֹם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, י' אִיָּר, כ"ה לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, יַבְנְאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט מַצְלִיחַ אִין דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אִיךְ קוּם מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ וֶועל זַיין אִין יַבְנְאֵל, אִיךְ הָאף זִיךְ צוּ זֶען מִיט דִיר.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין שָׁלוֹם בַּיִת, רֶעד שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ אוּן הֶער אוֹיס דַיין וַוייבּ וֶוען זִי רֶעדְט צוּ דִיר, אוּן אַז עֶס אִיז דָא זַאכְן וָואס אֵיינֶער אִיז פַּארְקֶערְט פוּן צְוֵוייטְן - לֶעבְּט מֶען בְּשָׁלוֹם, מֶען קוּמְט זִיךְ דוּרְךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן פ): "שֶׁמְּחַבֵּר תְּרֵי הֲפָכִים", וֶוען מֶען שְׁטֶעלְט צוּזַאמֶען צְוֵויי פַּארְקֶערְטֶע זַאכְן - דָאס אִיז שָׁלוֹם, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב כה, ב): "עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בִּמְרוֹמָיו", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט שָׁלוֹם אִין הִימְל צְווִישְׁן צְוֵויי מַלְאָכִים. זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם): "כִּי זֶה הַמַּלְאָךְ מֵאֵשׁ, וְזֶה מִמַּיִם", אֵיין מַלְאָךְ אִיז פֵייעֶר אוּן אֵיין מַלְאָךְ אִיז וַואסֶער, "שֶׁהֵם תְּרֵי הֲפָכִים, כִּי מַיִם מְכַבֶּה אֵשׁ", זֵיי זֶענֶען צְוֵויי פַּארְקֶערְטֶע זַאכְן, וַוייל וַואסֶער לֶעשְׁט אוֹיס פֵייעֶר, "וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בֵּינֵיהֶם וּמְחַבְּרָם יַחַד", גֵייט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן מַאכְט שָׁלוֹם צְווִישְׁן זֵיי אוּן עֶר בַּאהֶעפְּט זֵיי צוּזַאמֶען. זֶעט מֶען אַז דָאס אִיז דֶער עִיקָר פוּן שָׁלוֹם, מְחַבֵּר זַיין צְוֵויי פַּארְקֶערְט זַאכְן, עַיֵּין שָׁם; אַזוֹי אוֹיךְ אִיז אִין שְׁטוּבּ, מַאן אוּן וַוייבּ; אֵיינֶער הָאט אַזַא נַאטוּר, אוּן דֶער צְוֵוייטֶער הָאט אַ פַּארְקֶערְטֶע נַאטוּר, אוּן דָאךְ לֶעבְּט מֶען אִינְאֵיינֶעם בְּשָׁלוֹם וּבְאַהֲבָה.

בְּנוֹגֵעַ וֶוערְן אַ מַגִּיד שִׁיעוּר וְכוּ'; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן מִיט קִינְדֶער, הוֹיבּ אָן מִיט מְלוּמְדוּת, אַז עֶס פֶּעלְט זִיךְ אוֹיס אַ בְּמָקוֹם, זָאלְסְטוּ זַיין אַ בְּמָקוֹם, אוּן מִיט דֶער צַייט וֶועסְטוּ זֶען אוֹיבּ דוּ הָאסְט דִי כֹּחוֹת צוּ אַרְבֶּעטְן, לֶערְנֶען מִיט בָּחוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן הֲנָאָה פוּן דֶערְשְׁרֶעקְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קֹדֶשׁ פָּרָשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, י"א אִיָּיר, כ"ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וָואס רֶעדְט אִיר פוּן דִי אַלֶע דִמְיוֹנוֹת וְכוּ׳? פַארְוָואס יֶעצְט זַיין בְּעַצְבוּת - ווייל אֶפְשָׁר וֶועט מֶען גֵייט הָאבְּן דָאס קִינְד וֶועט מֶען אַריינְפַאלְן אִין עַצְבוּת? וָואס אִיז דִי נַארִישְׁקֵייט פוּן אוֹיסְהֶערְן מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן הֲנָאָה פוּן דֶערְשְׁרֶעקְן?!

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן מט), שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע, 'יֵצֶר' אִיז טַייטְשׁ מָאלְן, מֶען מָאלְט זִיךְ אוֹיס, מֶען טְרַאכְט זִיךְ אוֹיס 'הָרָע', אִיךְ בִּין שְׁלֶעכְט. יֵצֶר טוֹב מֵיינְט, מֶען טְרַאכְט גוּט, מֶען מָאלְט זִיךְ אוֹיס גוּט, אִיךְ בִּין גוּט, יֶעדֶער אִיז גוּט.

הֶערְט נִישְׁט אוֹיס דִי וָואס דֶערְשְׁרֶעקְן אַייךְ אַז נָאכְן הָאבְּן דָאס קִינְד וֶועט אִיר אַריינְפַאלְן אִין אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע, אוּן אֲפִילוּ אַז אַייעֶרע נָאנְטֶע דֶערְשְׁרֶעקְן אַייךְ, אַייעֶר מִשְׁפָּחָה - זָאלְט אִיר זִיךְ גוּט אוֹיסְלַאכְן, אוּן זִינְגְט זִיךְ: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט מִיךְ".

מוֹהֲרַא"שׁ בְּרֶענְגְט דֶעם מַאֲמַר הֶחָכָם: "הֶעָבָר אַיִן", וָואס אִיז גֶעוֶועְן אִיז שׁוֹין גֶעוֶועְן, "וְהֶעָתִיד עֲדַיִן", אוּן וָואס גֵייט זַיין - אִיז דָאךְ נָאכְנִישְׁט דָא, "וְהַהוֶֹה כְּהֶרֶף עַיִן", אוּן דִי הוֶֹה אִיז דָאךְ נִישְׁט מֶער וִוי אֵיין רֶגַע, "דַאֲגָה מִנַּיִן", אִיז דָאךְ נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ דַאֲגָה'נֶען.

זָארְגְט נִישְׁט, דַאֲגָה'ט נִישְׁט, עֶס וֶועט אַייךְ גָארְנִישְׁט צוּגֶעבְּן, עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט בֶּעסֶער מַאכְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין ק:): "לֹא תֵעִיל דַוְיָא בְּלִבְּךָ", זָאלְסְט נִישְׁט אַרוּם גֵיין מִיט דַאֲגוֹת, "דְגַבְרֵי גִיבָּרִין קָטַל דַוְיָא", ווייל דַאֲגוֹת הָאט שׁוֹין גֶע'הַרְגְ'עֶט אַסַאךְ גִבּוֹרִים; וָואס יָא? וָואס אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ צוּ טוּן וֶוען עֶפֶּעס טוּט וֵויי? גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן פְּשׁוּטְ'עֶ וֶוערְטֶער אוֹיף דִי פְּשׁוּטְ'עֶ שְׁפְּרַאךְ, עֶר זָאל אַייךְ גֶעבְּן אַ יְשׁוּעָה.

...

## אַ הַארְצְרַייסְנְדֶע גֶעבֶּעט צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ז אִיָר, ל"ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט נַאכְט אִיז לַ"ג בָּעֹמֶר, וואוּ מֶען גֶעפִינְט זִיךְ קֶען מֶען זִיךְ צוּבִּינְדְן צוּ דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים. דֶער הֵיילִיגֶער מוֹהַרְנַ"ת הָאט אַ הַארְץ רַייסְנְדֶע תְּפִלָּה צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, לִקּוּטֵי תְּפִילוֹת חֵלֶק ב׳, סִימָן מז. זָאג דִי תְּפִלָּה, אוּן לֵייג צוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע בַּקָשׁוֹת, דָא הָאסְטוּ דִי תְּפִלָּה אִין אִידִישׁ, פוּן סֵפֶר שְׂפָתַי תִּפְתָּח:

"הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, דוּ הָאסְט אוּנְז צוּגֶעזָאגְט אַז דוּרְךְ דִיר וֶועט נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן דִי תּוֹרָה, דוּרְךְ דַיין הֵיילִיגֶע זוֹהַר וֶועלְן מִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת. אֲפִילוּ מִיר וֶועלְן זַיין אִין דִי וַוייטְסְטֶע פְּלֶעצֶער, הַסְתָּרָה שֶׁבְּתוֹךְ הַסְתָּרָה - וֶועט נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן דִי תּוֹרָה פוּן אוּנְז, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט: ׳וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר פָּנַי בַּיּוֹם הַהוּא עַל כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה וְעָנְתָה הַשִּׁירָה הַזֹּאת לְפָנָיו לְעֵד כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ׳.

וְהִנֵּה, יֶעצְט זֶענֶען מִיר אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע צַייט, דִי גָלוּת צִיט זִיךְ שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג, יֶעדְן טָאג וָואס גֵייט פַארְבֵּיי וֶוערְן מִיר וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער, מִיר זֶענֶען אַזוֹי וִוי יְתוֹמִים, קֵיינֶער נֶעמְט זִיךְ נִישְׁט אָן פַאר אוּנְז.

פוּן אֵיין זַייט זֶעט מֶען אַ שְׁטַארְקֶע בֶּענְקְשַׁאפְט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ דִיר, פוּן דִי צַייטְן פוּן הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל זֶעט מֶען אַ מִין בֶּענְקְשַׁאפְט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ דִיר, וָואס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע צַייטְן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר פַארְבֶּענְקְט צוּ דִיר, מֶענְטְשְׁן ווילְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז שְׁרֶעקְלִיךְ, מֶענְטְשְׁן פַאלְן אַוֶועק אָן אַ שִׁיעוּר, דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען אַזוֹי שְׁרֶעקְלִיךְ, אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְן אִין דִי עֶרְגְסְטֶע פְּלֶעצֶער.

בֶּאֱמֶת בִּין אִיךְ נִישְׁט דֶער וָואס זָאל דִיר קוּמֶען דֶערְצֵיילְן וָואס גֵייט פָאר אוֹיף דִי וֶועלְט, דוּ וֵוייסְט דָאס אַלֵיינְס, דוּ וֵוייסְט דֶעם מַצָּב הַדּוֹר, וִוי אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת פַאלְן נֶעבֶּעךְ, אִיךְ וִויל זִיךְ פָּשׁוּט אוֹיסְרֶעדְן מַיין אֵייגֶענֶע וֵוייטָאג, אִיךְ אַלֵיינְס בִּין נֶעבֶּעךְ אַזוֹי וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּק מַיינֶע עֲבֵירוֹת, וִוי

אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין פּוֹגֵם זַיין, עַל אֵלֶּה אֲנִי בוֹכִיָּ', אִיךְ וֵויין צוּ דִיר, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אַ פַארְלוֹירֶענֶער, אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין וֶועג וִוי אַזוֹי אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ פַארְרֶעכְטְן? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָפְּלָאזְן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע וֶועגְן? וואוּ קֶען אִיךְ זִיךְ פַארְשְׁטֶעקְן פַאר בּוּשָׁה וֶוען אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ וָואס אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעטוּן? וֵויי אִיז מִיר, וָואס טוּ אִיךְ דָא וַוייטֶער? אִיךְ וֵוייס אָבֶּער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, דֶערִיבֶּער קוּם אִיךְ צוּ דִיר הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן וִוי אַן אָרֶעמַאן וָואס בֶּעט זִיךְ מֶען זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים.

הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, וִוי אַזוֹי קֶענְסְטוּ אוֹיסְהַאלְטְן דִי צָרוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער; וֶועק זִיךְ אוֹיף אוּן וֶועק אוֹיף אַלֶע צַדִיקִים, אוּן קוּקְט וָואס גֵייט פָּאר מִיט כְּלַל יִשְׂרָאֵל אוּן אוֹיף מִיר זִינְדִיגֶער מֶענְטְשׁ, הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן, דוּ וֵוייסְט דָאךְ וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אַלְץ אַרִיבֶּער פוּן אָנְהוֹיבּ גָלוּת בִּיז יֶעצְט, וָואס אִיז אַלְץ אַרִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם בִּכְלָלִיוּת וּבִפְרָטִיוּת, וּבִפְרַט אוֹיף מִיר, וָואס אִיז אַלְץ אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר פוּן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן אוּן פוּן וֶוען מַיין נְשָׁמָה, רוּחַ וָנֶפֶשׁ, אוּן אַלֶע מַיינֶע גִלְגוּלִים זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, בִּפְרַט פוּן דֶעם גִלְגוּל, וָואס אִיךְ הָאבּ אַלְץ עוֹבֵר גֶעוֶוען; וָואס זָאל אִיךְ זָאגְן, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ פַארְטֵיידִיגְן?

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ אַרַיין אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, אִין זַיין הַארְץ, אַ ווִילְן מִיר צוּ הֶעלְפְן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, לֵייג אַרַיין אִין דִי הֶערְצֶער פוּן אַלֶע אֱמֶתְ'עֶ צַדִיקִים זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן מִיר, זֵיי זָאלְן זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר מִיר, זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן אִין מִיר גוּטֶע זַאכְן, זֵיי זָאלְן מִיךְ בְּרֶענְגֶען נָאנְט צוּ דִיר, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַלֶעס צוּ פַארְרֶעכְטְן, אִיךְ זָאל שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּן בֶּאֱמֶת וּבְלֵב שָׁלֵם.

הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן, דוּ הָאסְט דָאךְ אוּנְז צוּגֶעזָאגְט אַז דוּרְךְ דִיר וֶועט דִי תּוֹרָה נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן, בֶּעט אִיךְ דִיר, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת, דֶערְבַּארֶעם זִיךְ אוֹיף מִיר, קוּק נִישְׁט שְׁלֶעכְט אוֹיף מִיר, אוֹיף אַלֶע שְׁלֶעכְטְס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן בִּיז אַהֶער. אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶערֶעכְט, וַוייל אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל עֵצוֹת אוּן וֶועגְן וִוי אַזוֹי צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, אוּן דָאךְ גֵיי אִיךְ

וַוייטֶער דֶערְצֶערֶענְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, הֶעלְף מִיר, אִיךְ הָאבּ נָאר אֵיין וֶועג צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ תְּפִלָּה; זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ, (אַז אִיךְ וֶועל זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן זַיין בַּיי דַיין צִיּוּן וֶועל אִיךְ דִיר דָאס אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, אִיךְ וֶועל זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט דִיר), אִין דִי זְכוּת פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען פַּארְרֶעכְטְן אַלֶעס, אָמֵן״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# מהדורת ראטה

**הספר הקדוש הזה נתנדב לזכות**

**מוה"ר יצחק אייזיק ראטה הי"ו**

**וזוגתו חי' פיגא יוטא תחי'**

**לזכות הבן זכר הנולד להם למזל טוב**

יה"ר שהוריו יזכו להכניסו בבריתו של אברהם
אבינו עליו השלום בעתו ובזמנו, וירוו ממנו ומכל
יוצא חלציהם, רב נחת ותענוג דקדושה.

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבכם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון